STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03914

# IDISH LEBN IN AMERIKE UN DI ROL FUN DER ""MORGN-FRAYHEYT""

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ISBN:0-657-03914-4

פּ. נאָוויק

# אידיש לעבן אין אַמעריקע

## און די ראָל פון דער „מאָרגן-פרייהייט“

10 סענט

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן-פרייהייט“
ניו יאָרק, 1957

# אידיש לעבן אין אַמעריקע

## און די ראָל פון דער „מאָרגן־פרייהייט"

פון פ. נאָוויק

באַריכט, אָפּגעגעבן אין נאָמען פון דער רעדאַקציע „מאָרגן־פרייהייט"
אויף דער „מאָרגן־פרייהייט" קאָנווענשאָן, יוגאָסלאַוו האָל,
ניו יאָרק, יאַנואַר 12־13, 1957.

●

# Jewish Life in the U.S.A. And the Role of the *Morning Freiheit*

By PAUL NOVICK

Report delivered on behalf of the editorial board of the *Morning Freiheit* at the Morning Freiheit Convention, Yugoslav Hall, New York, Jan. 12-13, 1957.

PRINTED IN THE U.S.A.

209

# 35 יאָר „מאָרגן־פרייהייט"

דעם 2טן אַפּריל פון היינטיגן יאָר, 1957, וועט ווערן 35 יאָר, אַז באַדייטנדיגע טיילן פון די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, בראש מיט אָלגין'ען, מיט ווינטשעווסקי'ן, האָבן געשאַפן אַ נייע צייטונג — די „פרייהייט", די „מאָרגן־פרייהייט".*)

35 יאָר. העכער אַ דריטל פון אַ יאָרהונדערט—פון דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט! איז דען מעגלעך אַרומצונעמען אין אַ קורצן, אָדער אפילו ברייטערן, איבערבליק, די אַלע וויכטיגע מאָמענטן אין משך פון דעם פּעריאָד, די אַלע שטורעמס און אויפברויזן, די צוריקטריטן און דערגרייכונגען, איבער דער וועלט בכלל און אין אַמעריקע, אינ'ם אַלגעמיינעם און אינ'ם אידישן לעבן, אין דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט און צווישן די אידישע אַרבעטער?

עס איז געבאָרן געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק אַ נייע אידישע צייטונג, וואָס איז געווען, ווי זי האָט געזאָגט אין איר ערשטן עדיטאָריעל, אַ קינד פון נייע צייטן. די נייע צייטן האָבן אַרויסגערוקט נייע לאָזונגען, נייע פאָדערונגען. אויף די אַרבעטער־בירזשעס פון ניו יאָרק, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט, אין די „מאַרקעטס", האָבן זיך געטראָגן פאָדערונגען פאַר אַ נייעם, אַ מיליטאַנטן יוניאָניזם. אין אידישן לעבן איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג: בויען אידישע קולטור, בויען קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אינ'ם אַלגעמיינעם לעבן איז דער לאָזונג, נאָך די ווילסאָן־יאָרן, געווען: „בעק טו נאָרמאַלסי", צוריק צו נאָרמאַלקייט, אָבער עס האָט זיך ניט געלאָזט נאָרמאַלירן, ניט אויף לאַנג. די קריזיס־יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דער קולידזש־פּראָספּעריטי, און — פונ'ם גרויסן קראַך אין 1929. עס זיינען געקומען די יאָרן פון שטורעם־און־דראַנג, די דרייסיגער יאָרן, די יאָרן פון מאַסן־קאַמף פאַר אַרבעטלאָזיגקייט־פאַרזיכערונג, סאָציאַלער פאַרזיכערונג, די יאָרן פון אַנטי־נאַצי־קאַמף, פון פאַראייניגטן פראָנט און פאָלקס־פראָנט, די יאָרן פון דעם רוזוועלט „ניו דיל". זיי זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דער בלוטיגער, צווייטער, וועלט־מלחמה, די שרעקלעכע און הערואישע מלחמה געגן

---

אידישע צייטונגען אין די 20ער יאָרן. דעם 17טן יוני 1929 איז זי געוואָרן

*) די „פרייהייט" איז געווען אַ נאָכמיטאָג־צייטונג, ווי די מייסטע אַ פרימאָרגן־צייטונג און דער נאָמען איז געביטן געוואָרן אויף „מאָרגן־פרייהייט".

נאַציזם־פאַשיזם, וועלכע איז געוואונען געוואָרן מיט דער הילף פון אַמע־

ריקע, סאָוועטן־פּאַרבאַנד און זייערע שותפים, אָבער וועלכע האָט אָפּגעקאָסט אומגעהויערע מיליאָנען לעבנס, צווישן זיי זעקס מיליאָן פון אידישן פּאָלק. אין דער אויפטרייסלונג פון פעלקער און לענדער זיינען געבאָרן געוואָרן נייע סאָציאַליסטישע מלוכות; האָבן געוועזענע אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניעס זיך דערשלאָגן זייער אומאָפּהענגיקייט. עס איז געבאָרן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער, און מיט איר הילף איז צושטאַנד־געקומען מדינת ישראל.

גרויסע, אויפטרייסלענדיגע אַנטוויקלונגען זיינען פאָרגעקומען אין די 35 יאָר. אַמעריקע, וועלכע האָט אין די נאָך־ווילסאָן יאָרן ניט געוואָלט וויסן פון דער פעלקער־ליגע, געפינט זיך איצט, אין דער אַטאָמישער צייט, אין דער צייט פון אַטאָם־באָמבע און הידראָגענישער באָמבע, בראש פון דער אַזוי־גערופענער „פרייער" וועלט, מיט באַזעס אין העכער זיבעציג לענדער, מיט פאַקטן אויף אַלע קאָנטינענטן. די סאָציאַליסטישע וועלט, פון דער אַנדערער זייט, וועלכע איז אין 1922 באַשטאַנען פון דעם יונגן סאָוועטן־פּאַרבאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון לענינ'ען, נעמט איצט אַרום אַ דריטל פון דער מענטשהייט, איז אויסגעוואָקסן אין אַ גרויסער וועלט־קראַפט. דער אויפברויז אין דער געוועזענער קאָלאָניאַלער וועלט ווערט פאָרגעזעצט מיט שטייגנדיגן אימפּעט און שטייט שאַרף אויף דער טאָג־אָרדענונג.

מיר געפינען זיך אין אַ פּעריאָד פון גרויסע, וועלט־אַרומנעמענדיגע, היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, אין אַ פּעריאָד פון איבערגאַנג, פון רעוויזיע און חשבון הנפש. אין דער סאָציאַליסטישער וועלט זיינען די מאָמענטן פאַרשטאַרקט געוואָרן זינט דעם 20טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין פעברואַר 1956, זינט די געשעענישן אין פּוילן און אונגאַרן. וואָס איז, וואָס דאַרף זיין, די ראָל פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אין די אַלע אַנטוויקלונגען — אין אַמעריקע און איבער דער וועלט, אין אַלגעמיינעם און אין אידישן לעבן?

אין משך פון די 35 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די „מ.־פ." געהאַט איין ציל — דינען די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע און די אַמעריקאַנער מאַסן בכלל, העלפן זיי גיין פאָראויס צו אַ בעסער לעבן. קיין שום ערנסטע דערשיינונג, אָדער אַנטוויקלונג אינ'ם אידישן און אַלגעמיינעם לעבן איז איר ניט געווען פרעמד. די „מ.־פ." איז געווען אַן עדות פון גרויסע קאַמפן אין משך פון די 35 יאָר, און זי האָט זיך אין זיי באַטייליגט, — אָפט באַטייליגט ממש מיט לייב און לעבן, — און געמאַכט איר באַזונדערן ביישטייער. זי איז געווען אַ פאָן אין די ברויזנדיגע קאַמפן פון די אידישע אַרבעטער פאַר נייעם, מיליטאַנטן יוניאָניזם, אין דעם אויפברויז וואָס האָט דערפירט צום דזשאָינט עקשאָן קאַמף, צום אינדוסטריעלן יוניאָניזם און דעם געבורט פון סי־אײ־אָ, ביז דער היסטאָרישער צונויפגיסונג פון אַ. פ. אָוו ל. אין אַ טרעיד יוניאָן באַוועגונג פון העכער 16 מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זי איז געווען אַ דינאַמישע קראַפט אין דעם אויפשוואונג פון דער אידישער קולטור — פון כאָרן און אָרקעסטערס, קינדער־

שולן, אַרבעטער־קלובן, ביז דער גרינדונג פון דעם איקוף, די ליגע־קרייזן, און דער גרינדונג פון דער הערלעכער אָרגאַניזאַציע פון די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד, דעם אידישן פאָלקס־אָרדן, און די אָרגאַניזאַציע פון פאַר־שיידענע פעלקערשאַפטן — דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. זי איז געגאַנגען מיט די מאַסן אין די הונגער־מאַרשן, אין די קאַמפן פאַר אַרבעט־לאָזיגקייט־פאַרזיכערונג, סאָציאַלער פאַרזיכערונג, אין די קאַמפן קעגן אַנטי־סעמיטיזם אין אַמעריקע, אין די אַנטי־נאַצי קאַמפן, אין די קאַמפן קעגן פּאָגראָמען אין היטלער־דייטשלאַנד און פּילסודסקי־פּוילן — ביז דער ראָל אירער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, צו פאַרזיכערן אונזער לאַנד אַמע־ריקע, באַוואָרענען דעם קיום פון אידישן פאָלק. זי האָט די ערשטע אין דער אידישער פּרעסע אַרויסגערוקט דעם לאָזונג, אַז נאָר די יו־ען וועט לייזן די פּאַלעסטינע־פראַגע, און האָט זיך אַקטיוו באַטייליגט אין דער באַוועגונג וואָס האָט צושטאַנד־געבראַכט דאָס געבורט פון מדינת ישראל. אין דער אויפבוי־אַרבעט, פריער אויפ'ן געביט פון קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — דורכ'ן איקאָר, אַמבידזשאַן, און שפּעטער, נאָך דער מלחמה, אין פּוילן, ישראל און אַנדערע לענדער, האָט די „מ.־פ.״ אויך איר באַשיידענעם שטייגער געשפּילט איר ראָל.

## נייע צייטן — נייע לאָזונגען

עס איז ניט אויסצורעכענען די אַלע געביטן, אויף וועלכע די „מ.־פ.״ האָט געמאַכט איר בייטראָג. דינענדיג כסדר דעם פאָלק, אָפּרופנדיג זיך כסדר אויף די פּראָבלעמען פונ'ם מאָמענט, האָט זי אין משך פון די אַלע 35 יאָר, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט בלייבן פאַרגליווערט אין אירע לאָזונגען. די לאָזונגען פון די דרייסיגער יאָרן, פאַר'ן פּאַראייניגטן פראָנט און פאָלקס־פראָנט, זיינען געווען אַנדערע, ווי די אין די צוואַנציגער יאָרן, אָדער ווי באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און אַזוי זיינען אין די מלחמה־יאָרן, ווען מענטשן פון פאַרשיידענע קלאַסן זיינען געגאַנגען האַנט־אין־האַנט, כדי צו שלאָגן דעם נאַציזם־פאַשיזם, די לאָזונגען געווען אַנדערע. דאָס איז בשום אופן ניט קיין סתירה צו דער פונדאַמענטאַלער איינשטעלונג פון דער „מ.־פ.״, אַ סאָציאַליסטישע איינשטעלונג. אַן איינשטעלונג פון קלאַסן־קאַמף — פון דעם קאַמף פון די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, אין וועלכן זי איז געבאָרן געוואָרן, — די איינשטעלונג פון אַלגין און ווינטשעווסקי, דעבס און העיוואוד, אַז נאָר דער סאָציאַליזם וועט ברענגען אַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ליזונג פאַר אַלע פעלקער און פאַר'ן אידישן פאָלק. די פונדאַמענטאַלע איינשטעלונג בלייבט. עס בלייבן לעבעדיג פאַר אונז די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אונזער לאַנד אַמעריקע, די פרייהייט־טראַדיציעס פון אונזער פאָלק, אין משך פון זיין געשיכטע און פון די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד, טראַדיציעס פון קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכ־

טיגקייט. אָבער אַ פֿאָלקס־צייטונג — דאָס וואָס די „מ.־פֿ.״ איז — דאַרף טראָגן, טראָגט אין פֿאָלק, און רוקט אַרויס אין פֿאָדערגרונט די לאָזונגען, וואָס מאָביליזירן די מאַסן פֿאַר אַ בעסערן היינט און שאַפֿן דעם באָדן פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן. אָט־אַזוי האָט די „מ.־פֿ.״ אין די יאָרן פֿון דער מלחמה און אין די דרייסיגער יאָרן געהאָלפֿן טראָגן צווישן פֿאָלק לאָזונגען, וואָס זיינען געווען גילטיג פֿאַר אַלערליי שיכטן, און אפֿילו קלאַסן. און עס פֿאָדערט זיך, ביים אָפּשאַצן די אַרבעט פֿון דער „מ.־פֿ.״, איר היינטיגע ראָל און איר ראָל פֿאַר דער נאָענטער צוקונפֿט, צו זען אין וואָס פֿאַר אַ מאָמענט מיר געפֿינען זיך און וועלכע לאָזונגען ער רוקט אַרויס.

## שלום — די פֿראַגע פֿון יעדן איינעם

דער מאָמענט איז אַן ערנסטער. די קאַמפּן דאָ אין לאַנד, די געשעענישן אין מיטל־מזרח און די ראָל וואָס וואַשינגטאָן האָט איצט אונטערגענומען אין יענעם געביט, ווי די געשעענישן אין אונגאַרן, האָבן שטאַרק אונטערגעשטראָכן, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, אַז שלום און קאָ־עקזיסטענץ איז די צענטראַלע פֿראַגע פֿון דער היינטיגער צייט. פֿון דער לייזונג פֿון דער פֿראַגע הענגט אָפּ דער דערפֿאָלג פֿון דעם קאַמף געגן רעאַקציע, ווי פֿונ׳ם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם בכלל, ווי פֿונ׳ם קאַמף פֿאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער קולטור, פֿאַר העכערן דעם וואוילזיין פֿון פֿאָלק, ווי דער קאַמף צו פֿאַרזיכערן מדינת ישראל. די אַלע קאַמפֿן, וועלכע דאַרפֿן כסדר געפֿירט ווערן, זיינען געקניפּט און געבונדן און הענגען אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פֿון דעם קאַמף צו מאַכן אַ סוף צו דער קאַלטער מלחמה, קאַמף פֿאַר אַנטוואָפֿענונג, פֿאַר אויפֿגעבן די עקספּערימענטן מיט דער הידראָגענישער באָמבע, — ווידעראַמאָל, קאַמף פֿאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ.

דאָס זיינען פֿראַגן און אויפֿגאַבן וואָס שטייען פֿאַר די ברייטסטע שיכטן פֿון פֿאָלק, אָן אונטערשייד פֿון ריכטונג. דער דערפֿאָלג פֿון די קאַמפֿן הענגט אָפּ פֿון דער וואָס־גרעסערער מאָביליזאַציע פֿון די מאַסן פֿון אַלערליי שאַטירונגען, פֿון אַ וואָס־ברייטערן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פֿון פֿאָלק.

די דערפֿאַרונגען האָבן באַוויזן, אַז די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן, ניט געקוקט אויף דער פּאָליטישער אומרייפֿקייט, וואָס הערשט נאָך אין אַ גרויסער מאָס צווישן זיי, ניט געקוקט אויף דער אָפּוועזנקייט פֿון אַ פּאַרטיי פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן, האָבן דאָך באַגריפֿן, אויף זייער שטייגער, מער אָדער ווייניגער, וואָס די הויפּט־פּראָבלעמען פֿון דעם איצטיגן מאָמענט זיינען. צוויי מאָל אין משך פֿון די לעצטע יאָרן, אין 1952 און 1956, האָט דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק אויסגעקליבן אייזענהאַוער׳ן פֿאַר׳ן פּרעזי־דענט, אויפֿ׳ן רעפּובליקאַנער צעטל, און אין דער זעלביגער צייט, אין 1954 און אין 1956, אויסגעקליבן אַ דעמאָקראַטישן קאָנגרעס. דורך אַזאַ

קאָנגרעס האָפּט די מערהייט פון פאָלק אויפצוהאַלטן די פּאַרבליבענע געווינסן פון׳ם נייעם דיל, און האָפּט, אויסקלייבנדיג אייזענהאַוער׳ן, אויפ־צוהאַלטן דעם שלום. צי דאָס איז דער ריכטיגער וועג איז אַן אַנדער פראַגע. קלאָר איז אָבער, אַז די שטימען זיינען אין אַ גרויסער מאָס אָפּגע־געבן געוואָרן מער פאַר לאָזונגען און קאַנדידאַטן, ווי פאַר די פּאַרטייען. דערפאַר האָבן אַזוי פיל וויילער „געשפּאָלטן" זייערע שטימען, געבנדיג די רעפּובליקאַנער אַ מערהייט פאַר׳ן פּרעזידענט, און די דעמאָקראַטן — פאַר׳ן קאָנגרעס. די דאָזיגע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן אין געוויסע הינ־זיכטן ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, באַווייזן אַ באַשטימטע אומאָפּהענגיגקייט פון די וויילער. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע, ווי אויך אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, איז די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג פאַראייניגט, אין אַן אַרמיי פון העכער זעכצן מיליאָן, — עטוואָס וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסע קראַפט, באַטש דערווייל נאָך מער פּאָטענציעל ווי ממשות׳דיג. די דאָזיגע אומאָפּהענגיגקייט קאָן צווינגען די צוויי גרויסע פּאַרטייען, ספּעציעל די דעמאָקראַטישע, אַלץ מער זיך צו רעכענען מיט׳ן וויילער, אָדער קאָן באַוועגן די וויילער צו זוכן אַן אַנדער פּאַרטיי. דאָס זיינען פּראָבלעמען, וועלכע די פּראָגרעסיווע עלעמענטן וועלן דאַרפן העלפן דעם אַמעריקאַנער פאָלק צו לייזן, געפינענדיג זיך אין זיינע רייען, אין די רייען פון פאָלק, — ניט אויפגעבנדיג אין דער זעלבער צייט די אייגענע פּרינציפּן און איינשטעלונגען.

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די אומבאַדייטנדיגע צאָל שטימען, וואָס די פּאַרטייען, וועלכע האָבן געניצט דעם לאָזונג פון סאָציאַליזם האָבן געקראָגן אין די וואַלן פון נאָוועמבער, 1956 — אַרום 55 טויזנט פון די העכער 62 מיליאָן אָפּגעגעבענע שטימען — באַדייט ניט, אַז די טראַדיציעס פון דעבס׳ן, העיוואָוד׳ן זיינען פאַרשוואונדן. דאָס באַדייט נאָר, קאָן מען זאָגן, אַז איצט, אין דער אַטאָמישער צייט, ווי אומגעפער בשעת דער רוזוועלט צייט, אָדער בשעת דער מלחמה, זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן פאַר די מאַסן פראַגן פון זיין אָדער ניט זיין, און די אָנהענגער פון סאָציאַליזם האָבן, ווידעראַמאָל, ווי בשעת דער מלחמה אומגעפער, געפונען פאַר נויטיג צו זיין צוזאַמען מיט זיי, מיט די מאַסן, ווירקן צווישן זיי, אַנשטאָט פון זיי זיך אָפּצוזונדערן.

צוזאַמען מיט אַלע אָנהענגער פון סאָציאַליזם איז די „מ.־פּ." געגאַנגען אויף דעם וועג — און גייט ווייטער אויף דעם וועג — צו העלפן מאָביליזירן וואָס ברייטערע שיכטן פון פאָלק, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, אין קאַמף צו פאַרזיכערן אַמעריקע און דעם וואוילזיין פון די פאָלקס־מאַסן דאָ אין לאַנד, דורך קאַמף פאַר שלום.

דער מאָמענט איז אַן ערנסטער. עס ווערן געמאַכט פּראָבעס אָנצוזואַ־רעמען די קאַלטע מלחמה. דורך דער אייזענהאַוער־דאָקטרין זוכט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם צו פאַרנעמען אין מיטל מזרח דאָס אָרט

פֿונ'ם ענגלישן און פֿראַנצויזישן אימפּעריאַליזם. די מלחמה־געפֿאַר איז אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן. עס איז פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן דער אָנגריף פֿון מאָנאָפּאָליזם, וואָס זוכט אָנצוהאַלטן און אָפּצו'ירש'ענען די אוצרות פֿון די געוועזענע קאָלאָניאַלע לענדער און וואָס שטעלט זיך געגן די אָנשטרענגונגען צו פֿאַרזיכערן און הויבן דעם וואוילזיין פֿונ'ם אַמעריקאַנער פֿאָלק. עס איז נויטיג אַ וואָס־גרעסערע מאָביליזאַציע פֿון די ברייטע מאַסן פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק — וועלכער וויל שלום — געגן מאָנאָפּאָליזם און געגן די מלחמה־צינדער.

די „מ.־פֿ." שטייט פֿעסט אינ'ם שלום־לאַגער. מיר דאַרפֿן דאָס אונטערשטרייכן מיט שטאָלץ, כאָטש מיר דאַרפֿן דערביי באַדויערן, וואָס אַלע אידישע צייטונגען פֿירן ניט קיין אויסגעהאַלטענעם קאַמף פֿאַר שלום. שוין פֿון דער ראָל אירער אויף דעם געביט ווערט קלאָר ווי לעבנס־נויטיג די „מ.־פֿ." איז, און וואָס פֿאַר אַ ספּעציעלע ראָל זי שפּילט. מיר וועלן אָבער ווייטער זען, אַז עס זיינען פֿאַראַן אַ גאַנצע ריי לעבנס־פֿראַגן, וואָס שטרייכן אונטער ווי נויטיג די „מ.־פֿ." איז.

## דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם

אַז דער קאַמף פֿאַר שלום איז ענג פֿאַרבונדן מיט'ן קאַמף געגן רעאַקציע האָבן מיר געזען באַלד נאָך „זשענעווע". ווען דער מעקאַרטיזם האָט געבאַפּט זיינע גרעסטע קלעפּ. עס זיינען פֿאַרשטייט זיך, געווען אַנדערע פֿאַקטאָרן אויך, און אַ פֿאַקטאָר פֿון ניט קיין מינדערוויכטיגער באַדייטונג איז דאָ געווים געווען, ווידעראַמאָל, די פֿאַראייניגטע אַרבעטער־באַוועגונג. אויך די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, אויף זייער באַשיידענעם שטייגער, האָבן ביגעטראָגן צום קאַמף געגן מעקאַרטיזם. „זשענעווע" האָט אָבער אָן ספק געשפּילט די גרעסטע ראָל. אַדאַנק דעם גייסט פֿון זשענעווע זיינען אַ ריי עלעמענטן, בראש מיט אַזעלכע ווי נאָרמן טאָמאַס, א. דזש. מאָסטי, און אַנדערע, איינגעשלאָסן אַ ריי ראַבאַים, קירך־גייסטלעכע, קינסטלער, וויסנשאַפֿטלער, אַרויסגעטראָטן געגן דעם סמיט־אַקט און מעקאַרען־אַקט. רעשטלעך פֿון דעם דאָזיגן גייסט לאָזן זיך נאָך פֿילן, ווי מיר האָבן געזען ערשט די טעג, ווען נאָרמאַן טאָמאַס און מאָסטי זיינען ווידער אַרויס מיט'ן פֿאַרלאַנג, אַז די סמיט־אַקט קרבנות זאָלן באַפֿרייט ווערן. אָבער קלאָר איז, אַז דער אימפּעט פֿון זשענעווע איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און גרויסע רעשטן פֿון מעקאַרטיזם זיינען נאָך פֿאַרבליבן. עס בושעווען נאָך די איסטלאַנדס און וואָלטערס; עס ווירקן נאָך דער מעקאַרען־וואָלטער אַקט, דער מעקאַרען־אַקט, דער סמיט־אַקט.

די ברייטע אַמעריקאַנער פֿאָלקס־מאַסן, באַזונדער די אידישע מאַסן, וועלכע וויסן פֿון דערפֿאַרונג, וואָס פֿאַר אַ ביטערער שונא רעאַקציע איז, האָבן נאָך גרויסע אויפֿגאַבן פֿאַר זיך. עס איז פֿאַראַן דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ווערט אויפֿגעדעקט — דאָ אין די קאַלעדזשעס,

דארט ביי פירמעס, וואס שטעלן ניט אן קיין אידן, אדער אין די מעשים פון סטעיט־דעפארטמענט, אין דער ווירקונג פון מעקארען־וואלטער אקט. די „מ.־פ.״ איז כסדר וואכזאם צום קאמף געגן אנטיסעמיטיזם און האט פארנומען און פארנעמט א באזונדער ארט אין דער אידישער פרעסע אויף דעם געביט. זי זוכט ניט קיין אנטיסעמיטיזם דארט וואו ער איז ניטא. אבער זי פארמאכט ניט די אויגן אויף אלערליי איבלען און אוודאי ניט אויף דעם איבל, פון וועלכן עס ליידן די אידישע מאסן. די „מ.־פ.״ איז וואכזאם צום קאמף געגן אנטיסעמיטיזם, און האלט, אז די אידישע מאסן האבן און מוזן האבן שותפים אין דעם דאזיגן קאמף — שותפים צווישן די אמעריקאנער מאסן בכלל און בפרט צווישן די נעגער־מאסן, וואס פירן אליין א העראאישן קאמף געגן ראסיזם. אויך אין דעם קאמף געגן אנטיסעמיטיזם, און אין דעם אופן ווי זי שטעלט די פראגע אוועק, פארנעמט די „מ. פ.״ א באזונדער ארט אין דער אידישער פרעסע. זי פירט אן אויסגעהאלטענעם קאמף געגן דעם „נירענבערגער״ מעקארען־וואלטער אקט, פאר די רעכט און לעבנס־אינטערעסן פון די פרעמד־געבארענע.

עס וועט ניט זיין איבעריג אנצואווייזן, אז די „מ. פ.״ אליין איז דא א נוגע בדבר. עס איז אפשר ניט מער ווי נאטירלעך, אזוי צו זאגן, אז אירע שרייבער און טוער זאלן פארפאלגט ווערן אויפן באזיס פון דעם דאזיגן „נירענבערגער״ אקט. די רעאקציע ווייס, אז די „מ. פ.״ איז — אויף איר באשיידענעם אופן, פארשטייט זיך — אן אינסטרומענט געגן איר, געגן דער רעאקציע. אבער אויך גרויסע טיילן פון די אידישע פאלקס־מאסן באגרייפן עס, און דערפאר זייער קאמף צו פארטיידיגן די „מ. פ.״, פארטיידיגן די שרייבער און טוער אירע, וועמען מען וויל דעפארטירן, אדער דענאטוראליזירן.

## דער קאמף פון די נעגער־מאסן און אידישע פירער

מיר האבן געזען, אז דער קאמף פון די נעגער־מאסן איז ענג פארבונדן מיט'ן קאמף געגן אנטיסעמיטיזם. עס דארף אבער אנגעוויזן ווערן, אז די „מארגן־פרייהייט״ איז וואכזאם צו די איצטיגע קאמפן אין דרום, געגן סעגרעגאציע און געגן די אלע גוואלד־מעשים בנוגע נעגערס, אויך צוליב דער גרויסער באדייטונג, וואס די היסטארישע קאמפן פון דעם נעגער־פאלק, צוזאמען מיט פארגעשריטענע עלעמענטן פון די ווייס־הויטיגע, פארמאגן פאר אונזער לאנד אמעריקע.

עס דארף אונטערגעשטראכן ווערן אן אויפהער, אז די רעאקציע אין אמעריקע וועט ניט קאנען געשלאגן ווערן, אזוי לאנג ווי אויף דרום וועלן הערשן די דיקסיקראטן, די ראסיסטן פון דעם איסטלאנד־טיפ. אויף זיי שפארט זיך אן די צפונ'דיגע רעאקציע, די רעאקציע פון דער רעפובליקאנער פארטיי, אין קאנגרעס און סענאט. די זיגן פון די נעגער־מאסן אין דרום,

אין קאַמף געגן סעגרעגאַציע אין די שולן און עפנטלעכע ערטער. אין דער קאָמוניקאַציע, העלפן ברעכן די פעסטונגען פון די דיקסיקראַטן. מאָנטגאָמערי און ענלעכע ערטער זיינען געוואָרן וועג־צייכנס פון דעם מאַרש פאָראויס פון אַלע אַמעריקאַנער! די קאַמפן פון די נעגער־מאַסן זיינען אַ דערמוטיגונג אינ׳ם קאַמף פאַר ציווילע רעכט בכלל, און אויך אין קאַמף געגן ראַסיזם בכלל, איינגעשלאָסן אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר האָבן געזען. ס׳איז קלאָר, אַז דער קאַמף פון די נעגער־מאַסן, אַ היסטאָרישער אין זיין באַדייטונג פאַר אַמעריקע, איז דער קאַמף פון אַלע אָרנטלעכע אַמעריקאַנער, דער קאַמף פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.

עס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין די קאַמפן געגן סעגרעגאַציע, האָבן אידישע אָרגאַניזאַציעס אָנגענומען אַ פאָזיטיווע שטעלונג. ניט געקוקט דערויף, וואָס אין אויסלענדישע פראַגן און אינ׳ם היגן אידישן לעבן גופא, אין פרט פון קולטור און אַנדערע געביטן, געפינען זיך די מערסטע אידישע אָרגאַניזאַציעס לײדער אויף פאָזיציעס וואָס זיינען ווייט ניט אַלעמאָל פראָגרעסיווע, אָדער ליבעראַלע, פאַרנעמען זיי אָבער אַ פאָזיטיווע אָרט אין פיל אַלגעמיינע אינערלעכע אַמעריקאַנער פראַגן. אפילו די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, די אָרגאַניזאַציע פון די יאַהודים, פאַרנעמט צייטנווייז אַזאַ אָרט, ווי דאָס איז צו זען פון איר אַרויסזאָגן זיך איצט פאַר רעפאָרמען אין די סטאַטוטן פון סענאַט, כדי די געגנער פון ציווילע רעכט זאָלן ניט קאָנען אָנגיין מיט זייערע שטערונגען, מיט׳ן „פיליבאָסטער”.

מען האָט אַ סך גערעדט די לעצטע יאָרן וועגן דער סאָציאַלער איבערשיכטונג צווישן אידן אין אַמעריקע, וועגן דעם רעלאַטיוו־קלענערן אָרט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס פאַרנעמט, און מ׳האָט דערפון געדרונגען, אַז באַדייטנדיגע טיילן פון די אַמעריקאַנער אידן גייען אַריבער אויף פאָזיציעס פון רעאַקציע. ס׳איז קיין פראַגע ניט, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער קאַלטער מלחמה און אפילו וועגן דער באַוואָפענונג פון מערב־דייטשלאַנד, טרעפט מען לײדער אידישע פירער אויף פאָזיציעס, וואָס גרעניצן זיך מיט פאָזיציעס פון רעאַקציאָנערע עלעמענטן. אָבער אויף אַזעלכע פאָזיציעס, פון דער קאַלטער מלחמה, טרעפט מען לײדער אויך פירער, וואָס רעדן אין נאָמען פון אַרבעטער. עס מוז אָבער, ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, אָנגעוויזן ווערן, אַז בנוגע אַמעריקאַנער פראַגן טרעפט מען אָפט, ווי געזאָגט, פירער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס אויף פאָרגעשריטענע פאָזיציעס.

נעמענדיג אין אַכט די פאָזיטיווע שטעלונג פון פיל פון די פירער בנוגע סעגרעגאַציע און מעקאַרען־וואָלטער אַקט, ווי אין געוויסע אַנדערע פראַגן, דאַרף מען זאָגן, אַז צווישן אידישע קליינבירגער, און אפילו צווישן געוויסע בורזשואַזע עלעמענטן, באַגרייפט מען אין אַ באַשטימטער מאָס, מער אָדער וויינינגער, אַלס רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס, די געפאַר פון רעאַקציע פאַר אידן, אָפגערעדט שוין פון פאַשיזם. כאָטש אידן בכלל זיינען ניט באַשיצט פון ווייסן שאָוויניזם, און געוויסע, אויב אפילו אומבאַדייטנדיגע, עלעמענטן צווישן אידן אין דרום זיינען דאָ און דאָרט גענויגט

אויף דער זייט פון סעגרעגאַציע, אָדער „נייטראַליזם״, איז אָבער אַ פאַקט, אַז פיל בירגערלעכע און — אין געוויסע פאַלן — אפילו בורזשואַזע אידישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג אין דעם קאַמף פאַר נעגער־רעכט. דאָס איז באַזונדער ריכטיג בנוגע דעם אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס און דער הדסה, און אין אַ באַשטימטער מאָס אויך בנוגע דעם בני ברית און אַנטי־דעפאַמעישאָן ליג. אויך דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וועלכער ווערט אָנגעפירט פון רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס פיל פון זיי געפינען זיך לײַדער אין לאַגער פון דער קאַלטער מלחמה, האָט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג אין דער פראַגע וועגן נעגער־רעכט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נויטיג בסדר אָנצוואַווייזן די אידישע פאָלקס־מאַסן, איינגעשלאָסן די מיטגלידער און אויך פירער פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס, ווי ענג פאַרבונדן עס זיינען צווישן זיך אויסלענדישע פראַגן מיט אינערלעכע, און אַז עס איז אוממעגלעך עפעקטיוו צו באַקעמפן די רעאַקציע, ניט קעמפנדיג געגן דער קאַלטער מלחמה.

## ס'איז דאָ אַ אידישער פּראָלעטאַריאַט

ווען מען רעדט וועגן דער סאָציאַלער איבערשיכטונג צווישן אידן אין אַמעריקע, באַקומט זיך צייטנווייז דער איינדרוק — אָדער געוויסע אידישע שרייבער און טוער זוכן צו שאַפן אַזאַ איינדרוק — אַז אַלע אידן, אָדער כמעט אַלע, געפינען זיך אין לאַגער פון די „אַלראַיטניקעס״, פון די אַרויפגעאַרבעטע קליינבירגער, אָדער גאָר אינ'ם לאַגער פון דער בורזשואַזיע. עס ווערט פאַרזען אַזאַ „קליינינקייט״ ווי די עקזיסטענץ פון נאָענט צו אַ מיליאָן אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין אַמעריקע, צווישן זיי באַדייטנדיגע צאָלן אַרבעטער אין די שעפּער און פאַבריקן. נעמט מען אין אַכט די גרויסע צאָלן קליינע באַלמעלאָכעס, קוסטאַרן, און ענלעכע עלעמענטן וואָס האָרעווען שווער אויף זייער חיונה, האָט מען פאַר זיך אַ האָרעפּאַשנעם פאָלק, וואָס פיל פון זיינע טיילן געפינען זיך אין די רייען פון אַלע פאַרגעשריטענע אַמעריקאַנער.

די „מאָרגן־פרייהייט״ איז געגרינדעט געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק דער עיקר פון אַרבעטער אין די שעפּער און פאַבריקן, געגרינדעט געוואָרן אין די איינגעשפּאַרטע קאַמפן, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געפירט פאַר אַ „בעסער־ער יוניאָן״. די אידישע אַרבעטערשאַפט, באַזונדער אין ניו יאָרק, אָבער אויך אין געוויסע אַנדערע צענטערן, פאַרבלייבט די באַזע פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. אין דער זעלביגער צייט האָט די „מ.־פ.״ אין אויג די ראָל פון דעם אידישן האָרעפּאַשניק בכלל, און די ראָל פונ'ם אידישן קליינ־בירגער, וועלכער איז אַן אַנטי־פאַשיסט, אַ שונא פון רעאַקציע. פיל פון די דאָזיגע קליינבירגער האָבן אַליין אַרבעטער־טראַדיציעס, סאָציאַליסטישע טראַדיציעס.

די „מאָרגן־פרייהייט" איז געגרינדעט געוואָרן פון די אַרבעטער־מאַסן און איז עד־היום אָריענטירט אויף זיי, אויף זייערע אינטערעסן און קאַמפן. אין דער דעקלאַראַציע וואָס די „פרייהייט" האָט אַרויסגעגעבן ערב איר גרינדונג האָט זי זיך פאַרפליכטעט אַריינצודרינגען אין די רייען פון די אידישע אַרבעטער, אין די שעפער, אין די יוניאָנס. אויפקלערן פאַר זיי זייערע פראָבלעמען, און קעמפן מיט זיי צוזאַמען פאַר ריינע, ערלעכע פּראָגרעסיווע יוניאָנס און פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. דעם צוזאָג איז די „פרייהייט"־„מאָרגן־פרייהייט" געבליבן געטריי אין משך פון אַלע יאָרן — לויט די מעגלעכקייטן, פאַרשטייט זיך. ניט אַלעמאָל זיינען די מעגלעכקייטן געווען די זעלביגע, און ניט אַלעמאָל זיינען די באַדינגונגען צו געפינען זיך צווישן די אַרבעטער אין די שעפער געווען די זעלביגע.

## פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער אין די שעפער

אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג פון דער „פרייהייט" זיינען די באַדינגונגען אין אַ גרויסער מאָס געווען גינסטיגע. אַרבעטער פון די נאָדל־פאַכן, אויך פעינטערס (מאַליאַרעס), קאַרפּענטערס (סטאָליער), בעקערס און אַנדערע פּראָלעטאַריער, זיינען געווען מיד פון ביוראָקראַטיזם און פּשוט'ן גענגסטעריזם, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין געוויסע יוניאָנס. האָבן זיי יעדן אויסגעשריי פון אונזער ציטונג קעגן פאַרראַט און גענגסטעריזם אויפגעכאַפּט מיט פרייד. די לאָזונגען פון אונזער ציטונג האָבן געקראָגן אַ ברייטן אָפּקלאַנג. אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין דער רעדאַקציע, דערציילן וועגן די פאַרשיידענע פּאַסירונגען אין די שעפער און אין די יוניאָנס. פיל פלעגן אַליין שרייבן וועגן זייערע דערפאַרונגען. ס'האָבן זיך אָפּט באַטייליקט אין אונזער ציטונג אָנפירער פון די פּראָגרעסיווע גרופּן אין די יוניאָנס.

די דאָזיגע ענגע פאַרבינדונג צווישן דער „פרייהייט" מיט די אַרבעטער פון די שעפער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין יענע גרויסע, שטורעמדיגע קאַמפן, וואָס האָבן דערפירט צום דזשאָינט עקשאָן קאַמף פון די קלאָוק און דרעסמאַכער אין 1925, צום היסטאָרישן און זיגרייכן סטרייק פון די פּאָריערס אין 1926. אָן דער „פרייהייט" וואָלטן די קאַמפן און די דערגרייכונגען אפשר ניט מעגלעך געווען. ס'איז פאַרטריבן געוואָרן דער גענגסטעריזם, וואָס האָט געבושעוועט צווישן די פּאָריערס, דער צאַוזנעריזם ביי די פעינטערס, די טונקעלע פאַרשווינען וואָס האָבן געהערשעוועט ביי די בעקערס, ביי די שיך־אַרבעטער און אַנדערע. אין אַלע קאַמפן פון די אַרבעטער, אין אַלע סטרייקס, האָט די „פרייהייט" געזוכט צו שפּילן איר ראָל. זי האָט דערביי כסדר געאַרבעט פאַר דער איינהייט פון די אַרבעטער פון אַלע ריכטונגען.

אין די לעצטע יאָרן איז דער קאָנטאַקט צווישן דער „מאָרגן־פרייהייט"

דיגער מאָס שפּילט דאָ אַ ראָל דער פאַקט, וואָס די צאָל אידישע אַרבעטער מיט די אַרבעטער אין די שעפּער ליידער שוואַכער געוואָרן. אין אַ באַדייטנ־ אין די נאָדל־פאַכן און אין אַנדערע פאַכן איז פאַרקלענערט געוואָרן. דער שווער־פּונקט פון דער אַרבעט אין די פאַכן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן צווישן די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. עס דאַרף אָבער געוואָרנט ווערן געגן טעות'ן, וואָס קאָנען געמאַכט ווערן צוליב דער דאָזיגער אַנטוויקלונג. אין די שעפּער פון די נאָדל־אינדוסטריען און אין אַנדערע שעפּער, באַזונדער אין ניו יאָרק, אָבער אויך אין אַנדערע צענטערן, געפינען זיך פיל צענדליגער טויזנטער אידישע אַרבעטער. די אָריענטאַציע אונזערע אויף די אַרבעטער אין די שעפּער און פאַבריקן בלייבט. נאָך מער, עס זיינען איצט אין די נאָדל־פאַכן אַרויסגערוקט געוואָרן פּראָבלעמען, וואָס שטרייכן אונטער ווי נויטיג די „מאָרגן־פרייהייט" איז, און ווי נויטיג עס איז אַ ברייטערער קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער. אין די נאָדל־פאַכן זיינען, ווי באַוואוסט, אַמאָל פאָרגעקומען גרויסע, היסטאָרישע סטרייקס, אַלערליי קאַמפן, און די אַרבעטער האָבן באַוויזן אין פרט פון שכירות אַרויסצורוקן זיך אין די סאַמע ערשטע רייען צווישן די אַרבעטער אין אַמעריקע. איצט, ווען די יוניאָנס פון די נאָדל־אַרבעטער זיינען גרויס, רייך און מעכטיג, זיינען די באַדינגונגען אין די שעפּער געוואָרן ערגער און דער אַרבעטס־לוין איז דאָרט איצט ווייט ניט פון די העכסטע אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. ס'איז דעריבער נויטיג — אויב ניט מער ווי פריער, איז פּינקט אַזוי ווי פריער — מען זאָל שרייבן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" וועגן די אַרבעט־באַדינגונגען, דערציילן ווי דער אַרבעט־לוין ווערט געשניטן, געבן ביישפּילן פון דעם אָדער יענעם שאַפּ, אַנווייזן ווי פּרייזן פאַר שטיק־אַרבעט ווערן באַשטימט, און דערציילן וועגן די אַלע המצאות צו שניידן די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער.

ס'איז נויטיג ענגערער קאָנטאַקט, אָבער דאָ באַגעגענען מיר זיך די לעצטע צייט מיט שוועריגקייטן. עס איז טאַקע ניטאָ מער די מאַכט פון'ם קילאַק, וואָס האָט אַמאָל טעראָריזירט די אַרבעטער. עס איז אָבער פאַראַן דער טעראָר פון רויט־יעגעריי, פאַראַן ביי אַ סך אַרבעטער אַ שרעק, אַז אויב עמיצער וועט דערציילן וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין שאַפּ, וועט מען אויפהויבן געגן זיי אַ העצע. פיל ראַנק־און־פאַיל יוניאָן־טוער, וואָס פלעגן אַמאָל אָפטער שרייבן אין דער צייטונג, טוען עס איצט אַ סך זעלטענער, אָדער גאָרניט. אין דער זעלביגער צייט, איז, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אונזער רעדאַקציע־סטאַף אַ סך פאַרקלענערט געוואָרן. די מעגלעכקייטן, אַז מיטאַרבעטער זאָלן אַליין גיין אין די שעפּער און פאָרשן, זאַמלען אינפאָר־מאַציע, זיינען כמעט ווי ניטאָ מער. דער סך־הכל איז, אַז פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" איז איצט שווערער געוואָרן אָנצוהאַלטן דעם געהעריגן קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער אין די שעפּער. אָבער מען קאָן זיך פון דעם דאָזיגן קאָנטאַקט בשום אופן ניט אָפּזאָגן. מיר מוזן אָננעמען אַלע מעגלעכע מיטלען, אַז אַזאַ קאָנטאַקט זאָל אָנגעהאַלטן און פאַרשטאַרקט ווערן. עס

וועט דעריבער נויטיג זיין, גאָר אינגיכן, נאָך דער איצטיגער קאָנווענשאָן, צו האָבן אַ ספּעציעלן צוזאַמענקונפט מיט יוניאָן־טוער, אַרבעטער פון די שעפּער, וואו די פראַגע זאָל באַטראַכט און געלייזט ווערן.

## סאָציאַליזם, אידישקייט און דימיטראָוו׳ס וואָרנונג

מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם אָרט וואָס די אַרבעטער און בכלל האָרעפּאַשנע עלעמענטן פאַרנעמען צווישן די אידן אין אַמעריקע. עס איז לעבנס־נויטיג, אַז זיי זאָלן זיך אָנזעצן אין דעם אידישן לעבן, זאָלן לייגן זייער שטעמפּל אויפ׳ן אידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער צוגאַנג — אויב אַזעלכער איז פאַראַן — אַז דער אינטערעס צו אידישע פראַגן איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין געגנזאַץ צום קלאַסן־קאַמף, איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ פּרימיטיוו־פאַלשער. אויך דאָס מעכאַנישע פאַנאַנדערטיילן פון „אידישקייט" און „סאָציאַליזם", און דאָס פרעגן וואָס עס קומט פריער, קאָן פּונקט אַזוי קלאַסיפיצירט ווערן. די וואָס האַלטן זיך אָן דער פאַנאַנדערטיילונג באַגרייפן אפשר ניט ווי זיי זעצן־פּאָר, אַליין ניט וויסנדיג, די אַמאָליגע איינשטעלונג פון געוויסע פּיאָנערן פון אידישן קוואַרטאַל אין אַמעריקע, וועלכע האָבן באַטראַכט די אַרבעט פאַר אידישע קינדער־שולן, אָדער פאַר דער אידישער קולטור בכלל, ווי „שאָוויניזם".

דער אַרבעטער־קלאַס איז דער רוקנביין פון פאָלק. איז דען מעגלעך עס זאָל זיין אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אָנגיין דעם פאָלק, און ניט אָנגיין דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע פּראָגרעסיווע טיילן? איז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם ניט זיין קאַמף? איז די אידישע קולטור פון פּרץ און ווינטשעווסקי, וועלכע איז אויפגעקומען צוזאַמען מיט און אַדאַנק דער אַר־בעטער־באַוועגונג און האָט זיך געשטיצט אויף די אַרבעטער־מאַסן, ניט אַן ענין וואָס גייט אָן דעם אַרבעטער? ניט דעם אַרבעטער „אויך", נאָר טאַקע אים קודם־כל? אָדער גייט אים ניט אָן מדינת ישראל — אַ זאַך, אין וואָס דאָס פאָלק איז מיט רעכט פאַראינטערעסירט? און וואָס איז מכוח די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אונזער פאָלק — פון די נביאים ביז די סאָציאַליסטישע פּיאָנערן, פון די מאַקאַבייער ביז די געטאָ־קעמפער, פון די קעמפער געגן סוועט־שאַפּ ביז די אַנטי־נאַצים אין די דרייסיגער יאָרן, ביז די שלום־קעמפער אין דער היינטיגער צייט? ווער איז דען דער בעסטער טרעגער פון די־אָ טראַדיציעס, אויב ניט דער אַרבעטער?

דאָ דאַרף מען דערמאָנען די וואָרנונג פון דימיטראָוו׳ן, אין די דרייסיגער יאָרן, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז פיל מיליטאַנטע אַרבעטער האָבן געהאַט אָנגענומען אַ פאַלשע שטעלונג צו נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, נאַציאָנאַלע העלדן, און געלאָזט, אַז דער פאַשיזם זאָל עס אויסנוצן. איינע פון די קינדער־קראַנקהייטן פון דער אַמעריקאַנער

סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען — די נעגאַטיווע באַציאונג צו די פאָטערס פון אונזער לאַנד, צו וואַשינגטאָן, טאָם פּעין, דזשעפערסאָן, לינקאָלן, און צו דער פאָן, וואָס פאַרקערפּערט די אַמעריקאַנער טראַדיציעס, די פאָן פון די פאַראייניגטע שטאַטן. אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט די קינדער־קראַנקהייט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מ'האָט ניט געוואָלט וויסן פון נאַציאָנאַלע אידישע טראַדיציעס, פּראָגרע־סיווע טראַדיציעס, מ'האָט געליטן פון אַסימילאַציע, פון אַ מין פּרימיטיוון אינטערנאַציאָנאַליזם. אויב עס זיינען נאָך פאַראַן רעשטלעך פון אַמדעם צוגאַנג און פּראָגרעסיווע עלעמענטן, ספּעציעל אידישע אַרבעטער, פאַר־נעמען זיך צוליב דעם ניט מיט אידישע פראַגן און לייגן דעריבער ניט זייער שטעמפּל אויפ'ן אידישן לעבן, דאַרף מען די דאָזיגע רעשטלעך באַקעמפן. און אויף וויפיל די „מאָרגן־פרייהייט" טוט עס, מאַכט זי דערמיט, דאַכט זיך, אַ וויכטיגן בייטראָג, אַ ספּעציעלן בייטראָג. עס איז אומבאַ־דינגט נויטיג, אַז דאָס פּנים פון דעם אידישן אַרבעטער זאָל זיך אָנזען אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע!

## מער אינהאַלט אין אידישן לעבן

עס איז נויטיג צו פירן אַ קאַמף פאַר אַ געזונט אידיש לעבן דאָ אין לאַנד.

מען הערט די לעצטע צייט פון פאַרשיידענע זייטן וואָרנונגען וועגן דער געפאַר, וואָס לויערט אויפ'ן היגן אידישן לעבן. אויפ'ן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, פאַראַיאָרן אַפּריל, האָט דר. נחום גאָלדמאַן געוואָרפן דאָס וואָרט: „פּאַסאַד", — אַז דאָס היגע אידישע לעבן האָט, הייסט עס, נאָר אַ פּאַסאַד אַזאַ, אַ פראָנט־וואַנט, און אַז הינטער דער וואַנט איז פּוסט. עס זיינען אַלאַרמירט געוואָרן די ציוניסטן און אַנדערע עלעמענטן. מען האָט אָנגעהויבן מער רעדן וועגן בויען דאָס אידישע לעבן דאָ. ניט אַריינ־גייענדיג אין דער פראַגע, צי ס'איז מעגלעך פאַר די וואָס באַטראַכטן דאָס היגע לעבן ווי אַ „גלות", צו בויען עס אויף אַ געזונטן פונדאַמענט, איז קלאָר, אַז דער אַלאַרם איז געווען אַ גערעכטער. פּונקט אַזוי דאַרף מען אַלאַרמירן די אידישע האָרעפּאַשניקעס, און באַזונדער די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן, וועגן די געפאַרן וואָס באַדראָען דעם היגן אידישן ישוב.

ביי ציוניסטן האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז דער „דאָרטן", ישראל, טאָר ניט אָפּשטופּן, אָדער צונישט מאַכן די אַרבעט דאָ אויפ'ן אָרט. אין אַ באַשטימטן זין ליידן פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן פון דער אָריענטאַציע אויף „דאָרטן".

אין משך פון'ם יאָר 1956 איז אויפגעדעקט געוואָרן די טראַגעדיע פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר וועלן זיך שפּעטער אָפּשטעלן אויף דעם ענין ברייטער. בכיוון טאַקע — שפּעטער. ניט וויל

מיר באטראַכטן די פראַגע פאַר אַ מינדערוויכטיגער, — בשום אופן ניט, ווי מיר וועלן זען! אָבער אויב אונזער אידיש לעבן דאָ אין לאַנד זאָל ניט אויפהערן צו זינקען — וואָס דערמיט וועט אויך די אַרבעט פאַר׳ן „דאָרטן", אַזוי צו זאָגן, מוזן אונטערגעגראָבן ווערן — מוזן מיר, יעדער איינער פון אונז, קודם־כל אריינטראָגן אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין אונזער צוגאַנג צו אַרבעט דאָ, אויפ׳ן אָרט, די אַרבעט פון בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור, אויפלעבן די פּראָגרעסיווע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט.

די אויפגאַבן נעמען אָן נאָך אַ וויכטיגערע באַדייטונג צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך לעצטנס געמערט „טעאָרעטיקער", וואָס דרינגען, אַז אידן זיינען נאָר אַ רעליגיעזע גרופּירונג, און אַז אידישע אידענטיטעט באַדייט אָנגעהעריגקייט צו אַ בית־מדרש, אַ קאָנגרעגעישאָן. די „טעאָרע־טיקער" האָבן זיך באַזונדער אַרויסגערוקט בשעת דעם אָנגריף פון מעקאַר־טיזם, ווען די רעאַקציע האָט געבראַכט גרויס שאָדן דער אַלגעמיינער קולטור אין אַמעריקע. עס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן אינטעלעקטואַלן, פּראָפעסאָרן, לערער, שרייבער. קולטור־מענטשן זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער פאַרדאַכט. עס האָבן זיך געלאָזט הערן אַלץ העכער אַלערליי אָבסקוראַנטן. דער דאָזיגער „ווער אָוו לאַיף", לעבנס־שטייגער, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער אידישער גאַס.

# די ראָל פון פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס

ס׳איז געלונגען דער רעאַקציע אומצוברענגען, מיט העכער דריי יאָר צוריק, די גרעסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן אין אַמעריקע האָבן געהאַט, דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען אַ באַדייטנדיגע קראַפט אינ׳ם אידישן לעבן בכלל. דירעקט און אומדירעקט, דורך איר ביישפּיל, האָט זי געהאָלפן אַנטוויקלען די אידישע קולטור, האָט אַריינגעטראָגן אַן אייגענעם טאָן, צייטנווייז אַ דינאַמישן, אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די אָרגאַניזאַציע איז געפאַלן אַ קרבן פון דער מעקאַרטי־רעאַקציע, פון דער קאַלטער מלחמה. אין אידישן לעבן איז געשאַפן געוואָרן אַ בלויז, וואָס איז נאָך עד־היום ניט אויסגעפילט געוואָרן.

ס׳איז די איינשטעלונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט", אַז כדי צו האַלטן לעבעדיג די פּראָגרעסיווע אידישע טראַדיציעס, בויען די אידישע קולטור און אַריינטראָגן אינהאַלט אינ׳ם אידישן לעבן בכלל, דאַרפן אָפּגעהיט, געבויט און געשטאַרקט ווערן די אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערפילן די דאָזיגע צוועקן. עס דאַרפן געבויט און געשטאַרקט ווערן די קלובן און סאָסאַיעטיס, וועלכע האָבן, דורך קאָאָרדינירטער אַרבעט, אויפ׳ן געביט פון קאַמף קעגן באַוואָפנען מערב־דייטשלאַנד, פאַר שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, ווי קעגן מעקאַרען־וואָלטער אַקט, געמאַכט געוויסע

אָנהויבן פון פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט. צוזאַמען מיט דעם, און צוזאַמען מיט'ן דערפילן זייערע אייגענע פּראַטערנאַלע פונקציעס, איז נויטיג זיי זאָלן ווערן אַן אַלץ־גרעסערע קראַפט אין בויען די אידישע קולטור, — וואָס דאָס שליסט אויך איין בויען די פּראָגרעסיווע אידישע פּרעסע.

די „מאָרגן־פרייהייט", בראש מיט איר לאַנג־יאָריגן רעדאַקטאָר, דעם אומפאַרגעסלעכן אָלגינ'ען, האָט זיך אַקטיוו באַטייליגט, צוזאַמען מיט אַנדערע, אין דער אַרבעט פון העלפן בויען דעם איקוף, די לייען־קרייזן. באַלד נאָכ'ן געבורט פון דער „פרייהייט" זיינען, אונטער איר ווירקונג, געבאָרן געוואָרן די כאָרן און אָרקעסטערס. זי האָט אַלע יאָרן געהאָלפן בויען די קינדער־שולן, כדי עס זאָל זיין המשך אין אידישן לעבן. די „מ.־פ." באַטראַכט עס פאַר איר לעבנס־אויפגאַבע צו טאָן אַלץ צו העלפן די און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, צו העלפן שטאַרקן און בויען די פרויען־אָרגאַניזאַציעס.

די אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען בשום אופן ניט אַזוי שטאַרק, ווי זיי וואָלטן ניט נאָר געדאַרפט, נאָר געקאָנט זיין. די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן האָבן בפירוש די כוחות צו באַוואָרענען, אַז די קינדער־שולן, דער איקוף, דער מוזיק־פאַרבאַנד און זיינע כאָרן און אָרקעסטערס, ווי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, זאָלן ניט זיין אין אַזאַ שווערער לאַגע, ווי די אין וועלכער זיי געפינען זיך. דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן מיטלען, — וועלכע זיינען, פאַרשטייט זיך, אומבאַדינגט־נויטיג. פונקט אַזוי און נאָך מער איז וויכטיג צו שטאַרקן די אַלע קערפּערשאַפטן אָרגאַניזאַציאָנעל, מיט מער נאָכפאָלגער, מער מיטגלידער אין די לייען־קרייזן, מער זינגער און שפּילער, מער קינדער אין די שולן. די אידישע מאַסן האָבן בפירוש דעם כוח דערפאַר. עס דאַרף נאָר איינגעפעסטיגט ווערן, ערשטנס, די איינשטעלונג, אַז מען מוז זיך געפינען מיט'ן פּנים צו אַמעריקע, צום היגן אידישן לעבן. צווייטנס, אַז די אַרבעט פון בויען דאָס אידישע לעבן, די אידישע קולטור, איז ניט קיין סתירה צום קאַמף פאַר פּראָגרעס בכלל, נאָר פאַרקערט! פּראָגרעסיווע אידן קאָנען צום בעסטן מיטהעלפן דעם דאָזיגן קאַמף, ווען זיי זוכן צו ווירקן אין דער אידישער סביבה, צווישן די מיליאָנען פון אידישן פאָלק.

## אידישע קולטור־אַרבעט אויף ענגליש

מיר דאַרפן זוכן מיט אַלע מיטלען צו שטאַרקן אונזער אידישע קולטור אויף אידיש. אין דער זעלביגער צייט איז ממש ניט דערלאָזבאַר ניט צו אָנערקענען, אַז די איבערוועגנדיגע מערהייט פון די אידן אין אַמעריקע לעבן זיך אויס אויף ענגליש. דאָס איז אַ פאַקט, אַלץ־איינס ווי מען זאָל אים ניט אָננעמען. צווישן זיי געפינען זיך אונזערע קינדער, דער נייער דור.

אידישע קולטור־אַרבעט אויף ענגליש איז אַן אומגעהויער־וויכטיגער עלע־מענט אין דעם קאַמף פאַר אַ געזונט אידיש לעבן! אַנדערע טוען עס שוין, אויף זייער אַ ברייטן מאַסשטאַב.

אידישע קולטור־אַרבעט אויף ענגליש איז, פאַרשטייט זיך, די אַרבעט פון ענגליש־רעדנדיגע. אָבער אויף אידיש־רעדנדיגע פאַלט אויך דאָ אַ באַזונדערער חוב. זיי האָבן מער דערפאַרונגען אויפ׳ן געביט פון קולטור־אַרבעט. דאָס וויכטיגע איז, וואָס דורך זייער צוזאַמענאַרבעט מיט די ענגליש־רעדנדיגע ווערן קולטור־טראַדיציעס אויף אַ לעבעדיגן שטייגער איבערגעגעבן דעם נייעם דור.

צוליב די צילן האָט די „מאָרגן־פרייהייט" מיט העכער אַ יאָר צוריק איינגעפירט אַן ענגלישע זייט יעדן זונטאָג. עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז אין אַ געוויסן זין איז דערמיט באַנייט געוואָרן אַן אַלטע טראַדיציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט". לאָמיר דערמאָנען, אַז דאָס האָט אונזער אָלגין יאָרן־לאַנג אָנגעפירט אַן ענגלישן קאָלום אין דער „מאָרגן־פרייהייט", און אַז אין די מלחמה־יאָרן האָבן מיר אַ געוויסע צייט געהאַט אַ ספּעציעלע ענגלישע ביילאַגע צו דער „מ.־פ." יעדן זונטאָג. עס איז מעגלעך, אַז די ענגלישע אָפּטיילונג יעדן זונטאָג וועט דאַרפן פאַרגרעסערט ווערן, אפשר צום מאַסשטאַב ווי זי איז אַמאָל געווען. דאָס וועט זיך ווענדן אין דעם אופן ווי אַזוי די איצטיגע ענגלישע אָפּטיילונג וועט באַנוצט ווערן, ווי אַזוי זי וועט פאַרשפּרייט ווערן צווישן וואָס מער ענגליש־לייענענדיגע.

אַ וויכטיגע אויפגאַבע אין פּרט פון אידישער קולטור־אַרבעט אויף ענגליש איז צו העלפן שטאַרקן דעם פּראָגרעסיוון ענגליש־אידישן זשורנאַל, „דזשואיש לאַיף". מען דאַרף דאָ אָנווייזן, אַז די עקזיסטענץ פון דעם זשורנאַל, וועלכע איז די לעצטע יאָרן פיל מאָל באַדראָעט געוואָרן, געפינט זיך איצט פּשוט אונטער אַ פראַגע־צייכן. די אידיש־רעדנדיגע עלעמענטן קאָנען, צוליב די סיבות, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, און אויך טאַקע כדי זייערע אייגענע קינדער זאָלן ווי געהעריג באַגרייפן אידישע פּראָבלעמען, אַ סך מיטהעלפן צו שטאַרקן דעם זשורנאַל און פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ.

דער לאָזונג פון דער „מ.־פ." איז — **ברייטער דעם פראָנט פון אידישער קולטור־אַרבעט!** עס טאָרן ניט אָפּשטאַרבן צווישן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע די טראַדיציעס פון ווינטשעווסקי און עדעלשטאַדט, פון אָלגין און זשיטלאָווסקי, פון בריינין און יעקב שיפּער, — צוזאַמען מיט די סאָציאַלע אָנזאָגן פון די קלאַסיקער פון אונזער ליטעראַטור — פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, צוזאַמען מיט די אָנזאָגן פון די נביאים און די קעמפער אין די געטאָס. דערפאַר זיינען די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אַזוי נויטיג פאַר׳ן אידישן פאָלק — זיי זאָלן העלפן אַריינטראָגן אינהאַלט און שיינקייט אינ׳ם אידישן לעבן בכלל. אָבער דערפון איז קלאָר, אַז די פּראָגרעסיווע עלעמענטן און זייערע אָרגאַניזאַציעס קאָנען ניט זיין אָפּגע־שלאָסן, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע טיילן פון פאָלק. גראָד פאַרקערט!

# איינ־יגקייט־אַרבעט

עס איז נויטיג אַ וואָס־ברייטערער קאָנטאַקט צווישן אידן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אין די אינטערעסן פון באַשטימטע צילן, ווי שלום, אָדער געגן דער באַוואָפענונג פון דייטשלאַנד, אָדער פאַר דעם, אַז וואַשינגטאָן זאָל אָננעמען מיטלען, עס זאָל איינגעשטעלט ווערן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, אָדער אויף בויען די אידישע קולטור, דורכפירן באַשטימטע קולטור־אַקציעס, אָדער צו פירן אַ קאַמף געגן מעקאַרען־וואָלטער אַקט, געגן סעגרעגאַציע, א. אַז. וו. מיר האָבן פריער געזען, אַז די אַרבעט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, הדסה, בני ברית, טראָגט אָפט אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער. ס׳איז קלאָר, אַז אַזאַ אַרבעט פאַרדינט געשטיצט צו ווערן.

די אַרבעט צווישן די ברייטע שיכטן פון פאָלק באַדאַרף ניט, פאַרשטייט זיך, אַז מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען גיבן אויף זייערע פּרינציפּן, זייערע אָרגאַניזאַציעס. געמיינשאַפטלעכע אַרבעט איז מעגלעך אויפ׳ן באַזיס פון איינ־יגקייט בנוגע באַשטימטע פּראָבלעמען, אָדער אַקציעס, טאָלערירנדיג איינער דעם אַנדערנ׳ס מיינונגען. נאָר אויף אַזאַ שטייגער קאָנען די מיליאָנען פון די אידן אין אַמעריקע, מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען, מאָביליזירט ווערן פאַר די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר זיי.

פּראָגרעסיווע מענטשן גיבן ניט אויף זייערע פּרינציפּן, פּונקט ווי אַנדערע עלעמענטן טוען דאָס ניט ביים אַריינטרעטן אין געמיינשאַפטלעכע אַקציעס. עס איז אָבער די מיינונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, אַז פּרינציפּן־געטריישאַפט טאָר ניט באַדייטן — סעקטאַנטישקייט. — אַ זאַך וואָס האָט געהאַט אַן אָרט אין דער פאַרגאַנגענהייט צווישן פּראָגרעסיווע עלעמענטן, און קאָן נאָך איצט דאָ און דאָרטן באַגעגנט ווערן. צו סעקטאַנטישקייט דערגייט מען, ווען מען רוקט אַרויס לאָזונגען, וואָס שטייען ניט אויף דער טאָג־אָרדענונג, אָדער ווען מען האָט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו אַנדערע עלעמענטן, צוליב זייערע פּרינציפּן און מיינונגען. דאָס שאַפט אָפּ די מעגלעכקייט פאַר אָנקניפּן פאַרבינדונגען וועגן פאַראייניגטע אַקציעס. עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער קאַמף פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ פאַר אַ סעקולער (וועלטלעך) אידיש לעבן דאָ אין לאַנד, און פאַר פּראָגרעסיווער אידישער קולטור, באַדייט ניט — קאַמף געגן רעליגיע, אָדער געגן רעליגיעזע עלעמענטן, בלויז פאַר זייער רעליגיעזער אָנגעהעריגקייט. פּונקט אַזוי הייסט עס ניט, אַז צוליב דער באַזונדערער שטעלונג וואָס די „מ.־פ.״ האָט צו מדינת ישראל, און צוליב איר געגנערשאַפט צום ציוניזם, דאַרף געפירט ווערן אַ קאַמף געגן ציוניסטישע עלעמענטן בלויז צוליב זייער ציוניסטישער אָנגעהעריגקייט. עס איז בפירוש מעגלעך און נויטיג, ווי די דערפאַרונג האָט באַוויזן, צו פירן פאַראייניגטע אַקציעס צוזאַמען מיט רעליגיעזע עלעמענטן, מיט ציוניסטישע עלעמענטן.

# אונטערשיידן צווישן ציוניסטן און ציוניסטן

אין פרט פון ציוניזם דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָ זיינען מצד דער „מאָרגן־פרייהייט" און די פּראָגרעסיווע עלעמענטן בכלל באַגאַנגען געוואָרן ערנסטע טעות'ן. מיר וואַרפן, פאַרשטייט זיך, אָפּ די בילבולים, אַז די „מ.־פ." האָט אין 1929 כלומר'שט געשטיצט פּאָגראָמען אויף אידן. דאָס דערמאָנט אָן די בילבולים אויף אידן אין פּילסודסקי־פּוילן, אַז זיי פלעגן אויף זיך אַליין מאַכן פּאָגראָמען . . . אָבער אמת איז, אַז סעקטאַנטישע לאָזונגען זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן; אַז ריכטיגע איינשטעלונגען זיינען פאַלש פאָרמולירט געוואָרן. אמת איז, אַז דעמאָלט, און אַ לאַנגע צייט שפּעטער, איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף געגן ציוניסטן בכלל, ניט מאַכנדיג קיין אונטערשייד צווישן איין ציוניסטישער ריכטונג און אַן אַנדערער, צווישן איין ציוניסטישן פירער און אַן אַנדערן, לייגנדיג אויף אַלע און אַלעמען דעם שטעמפּל: אימפּעריאַליזם.

עס איז קיין פראַגע ניט, אַז פון סאַמע אָנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן פיל וואָרט־זאָגער פון פּאָליטישן ציוניזם מיטגעאַרבעט מיט'ן אימפּעריאַליזם, אָדער געלאָזט זיך אויסנוצן פון אים. עס איז אָבער פּונקט אַזוי קיין ספק ניט, אַז די ברייטע מאַסן אָנהענגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין אַלטן רוסלאַנד און אין פּילסודסקי־פּוילן, האָבן געזען אין דעם ציוניזם אַן אויסוועג פון זייער צרה'דיג לעבן, און געמיינט, אַז ער וועט ברענגען אַ ליזונג פאַר'ן אידישן פאָלק. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז אונזער שטעלונג, אַז דער ציוניזם קאָן ניט ליזן די פּראָבלעמען פונ'ם אידישן פאָלק, איז געווען און איז פאַרבליבן אַ ריכטיגע. דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. אָבער די שטימונגען און איינשטעלונגען פון די ברייטע מאַסן נאָכפאָלגער פונ'ם ציוניזם, אויב אפילו ניט קיין באַרעכ־טיגטע, דאַרפן, גלויבן מיר, גענומען ווערן אין אַכט. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן מאַסן, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט!

אינ'ם אַמעריקאַנער ציוניזם זיינען פאַראַן פיל פירער, וואָס זוכן מיטצואַרבעטן מיט'ן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, און האַלטן אין איין ווידערהאָלן, אַז ישראל איז אַ „פאָרפּאָסטן פון מערב", וואָס נאָר אויף אים קאָן זיך, הייסט עס, וואַשינגטאָן פאַרלאָזן. די שטעלונג, וועלכע איז שעדלעך פאַר'ן אידישן פאָלק, ווי פאַר ישראל גופא, דאַרף באַקעמפט ווערן. אָבער קלאָר איז, אַז די ברייטע מאַסן אָנהענגער פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן ווייניגער אינזינען דעם פּאָליטישן ציוניזם און מער אינזינען, אָדער דער עיקר אינזינען, צו העלפן ישראל. פיל פון זיי, ניט זייענדיג אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פון בויען אידישע קולטור דאָ אין לאַנד, אויף אידיש צי אויף ענגליש, אָדער אפילו אויף העברעאיש, זוכן אין דעם ציוניזם אַן אויסדרוק פון אידישקייט, פון אידענטיפיקאַציע מיט'ן אידישן פאָלק. די „מ.־פ." האָט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו אַזאַ

אידענטיפֿיקאַציע, אָבער דאָס איז בשום אופן ניט קיין סיבה פֿאַר אַן אַנטאַגאָניזם צו די דאָזיגע מאַסן.

## שאָוויניסטישע ריכטונגען און סאָציאַליסטישע

עס זיינען פֿאַראַן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג רעאַקציאָנער־שאָוויניסטישע ריכטונגען — וואָס דאַרפֿן באַקעמפֿט ווערן — ווי די זשאַבאָטינסקי־„חירות״ ריכטונג, און עס זיינען פֿאַראַן מער־ווייניק פּראָגרעסיווע ריכטונגען, מיט אַ געגנערשאַפֿט צו דער קאַלטער מלחמה, אויב אַפֿילו די דאָזיגע געגנערשאַפֿט איז ניט איינגאַנצן קיין אויסגעהאַלטענע, אָדער ניט קיין אַקטיווע (איך האָב דאָ אינזינען, פֿאַרשטייט זיך, דעם „השומר הצעיר״). מען קאָן האַלטן, ווי די „מ.־פּ.״ האַלט, אַז זייער דורכאויסיגע אָריענטאַציע אויף „דאָרטן״ שעדיגט די אַרבעט פֿאַר אַ געזונט אידיש לעבן דאָ אין לאַנד. מען קאָן אָנווייזן, ווי די „מ.־פּ.״ ווייזט־אָן, אַז דער ציוניזם און מדינת ישראל לייזן ניט די פּראָבלעמען פֿון די אידן אין די לענדער וואו זיי וואוינען. פֿאַקטיש האָבן עס שוין אַמעריקאַנער ציוניסטן אָנערקענט אין אַ גרויסער מאָס און אָפּגעזאָגט זיך פֿון „קיבוץ גליות״. אָבער דאָס געהערט אַלץ צו דער ספֿערע פֿון מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן, פֿון פּרינציפּן־שטרייט, און דאַרף זיך ניט אויסדריקן אין אַנטאַגאָניזם.

אויף וויפֿיל עס איז מעגלעך און נויטיג מיטצואַרבעטן, ניט נאָר מיט ציוניסטישע עלעמענטן בכלל, נאָר אויך מיט ציוניסטישע פֿירער, ווערט געגנוג זיין אָנצואווייזן אויף דער ראָל פֿון דעם פֿירער פֿון די פֿראַנצויזישע ציוניסטן, אַנדרעי בלומעל, אין קאַמף געגן דער באַוואָפֿענונג פֿון דייטשלאַנד. בלומעל איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַראייניגטער אידישער וועלט־קאָנפֿערענץ אין פּאַריז, אין יוני 1955. אין דער באַוועגונג האָבן זיך אויך באַטייליגט די ציוניסטישע טוער **סידני סילווערמאַן** פֿון ענגלאַנד און אַנדערע. דאָ, אין אַמעריקע, האָט זיך אָפֿט געלאָזט הערן די שטימע פֿון דעם ציוניסטישן פֿירער, ראַבאַי **אבאַ הלל סילווער**, פֿאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ, אויב אַפֿילו ניט שטענדיג אויף אַן אויסגעהאַלטענעם שטייגער. די שטעלונג פֿון דר. נחום **גאָלדמאַן** אין דער לעצטער צייט, פֿאַר אַ שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, איז אָפֿט אַזאַ וואָס דאַרף געשטיצט ווערן אויך פֿון ניט־ציוניסטן.

די „מ.־פּ.״, לערנענדיג פֿון די דערפֿאַרונגען, האַלט, אַז דער צוגאַנג פֿון יענע וואָס באַטראַכטן דעם ציוניזם, ווי עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרשוועררונג, אָדער ווי אַ סטראַשונאָק, איז אַ פֿאַלשע און שעדלעכע. עס איז נויטיג, נאָכאַמאָל, צו דיפֿערענצירן צווישן איין ציוניסטישער ריכטונג און אַן אַנדערער, צווישן נאָכפֿאָלגער און פֿירער, און אויך צווישן פֿירער און פֿירער. מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז צוזאַמען מיט אַ ריי פֿאָרשטייער

פון דער אידישער רעליגיע, האָבן אַ ריי פאָרשטייער פון ציוניזם אין אַמעריקע פאַרנומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג אין קאַמף פאַר ציווילע רעכט, געגן סעגרעגאַציע, געגן מעקאַרען־וואָלטער אַקט, און אפילו געגן מעקאַרען־אַקט און סמיט־אַקט.

## די שטעלונג צו מדינת ישראל

אין אונזער באַריכט צו דער „מאָרגן־פרייהייט" קאָנווענשאָן ערב דעם 30טן יובילײ פון אונזער צייטונג, מיט 5 יאָר צוריק, איז דערקלערט געוואָרן: „אונזער שטעלונג צו מדינת ישראל האָט זיך ניט געביטן זינט דער צייט ווען מיר האָבן געקעמפט פאַר אַ געהעריגער לייזונג אין דער יו־ען, און געזוכט צו מאָביליזירן הילף אין דער מלחמה, וואָס מ'האָט אויף ישראל אַרויפגעצוואונגען". איצט, דאָ, שטרייכן מיר אונטער: אונזער שטעלונג האָט זיך בפירוש ניט געביטן! די „מ.־פ." הערט ניט אויף צו דערמאָנען, אַז ישראל איז געבאָרן געוואָרן אַדאַנק דעם אויפשוואונג פון די אַנטי־אימפעריאַליסטישע קרעפטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ דאַנק דעם, וואָס אַמעריקע און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען געגאַנגען צוזאַמען — כאָטש וואַשינגטאָן האָט באַלד פרובירט חרטה האָבן — און אַ דאַנק דער הילף פון די סאָציאַליסטישע מלוכות. מדינת ישראל איז געבאָרן געוואָרן אין אַ פראָגרעסיוון קאַמף פון דעם פאָלק פון ארץ־ישראל, מיט דער הילף פון פאָרגעשריטענע מענטשן אומעטום. דאָס איז געווען אַ וויכטיגע, היסטאָרישע פּאַסירונג בכלל און פאַר אידן בפרט. די „מ.־פ." הערט ניט אויף אַרויסצורוקן דעם לאָזונג: ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן! עס מוז קלאָר געמאַכט ווערן פאַר אַלע גרויסע מלוכות, און באַזונדער פאַר די אַראַבישע מלוכות, אַז ישראל איז דאָ און וועט זיין!

די „מ.־פ." האַלט זיך ביי די אָנזאָגן פון דעם גרעסטן איד פון אונזער דור, אַלבערט איינשטיין, וועלכער האָט אינגאַנצן דריי חדשים פאַר זיין טויט, אין יאַנואַר 1955, אין אַ בריוו צום מאַפּאַם־פירער צבי לוריע, אַרויסגערוקט די פאָלגנדיגע צוויי פונקטן: 1) ישראל מוז זיין נייטראַל צווישן מזרח און מערב; 2) עס דאַרפן אויפהערן די דיסקרימינאַציעס בנוגע דער אַראַבישער מינדערהייט אין ישראל. די „מ.־פ." האַלט, אַז אַזוי לאַנג ווי די צוויי אָנזאָגן ווערן ניט אָפּגעהיט קאָן ניט זיין קיין לייזונג פאַר מדינת ישראל. די פאַטאַלע אַקציע פון דער ישראל־רעגירונג, דער מאַרש אויף עגיפּטן, וואָס האָט ערגער געמאַכט די לאַגע פון ישראל פּאָליטיש און עקאָנאָמיש און נאָך ווייטער אָפּגערוקט די אויסזיכטן אויף שלום מיט די שכנים, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער שעדלעכער איינשטעלונג, אַז ישראל איז אַ „פאָרפּאָסטן פונ'ם מערב" אין אַזיע — אָט פון דעם מערב, וואָס איז אין אַזיע און אַפריקע אַזוי פאַרהאַסט, צוליב דער שרעקלעכער ירושה, וואָס ער האָט דאָרט געלאָזט, נאָך דורות „ציוויליזירנדיגער" הערשאַפט, און צוליב דעם וואָס ער, דער מערב, זוכט נאָר צו

עקספּלואַטירן די אוצרות פון די ביז־איצט קאָלאָניאַלע לענדער. לאָזנדיג די מאַסן אין דחקות און עפּידעמיעס.

צווישן אַלע אידישע צייטונגען אין אַמעריקע איז די „מאָרגן־פרייהייט" געווען די איינציגע, וואָס איז אַרויסגעטראָטן געגן דעם מאַרש פון דער ישראל־אַרמיי אויף עגיפּטן — אַ מאַרש צוזאַמען מיט'ן פאַרהאַסטן און אָפּשטאַרבנדיגן ענגלישן און פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, — אַלץ איינס צי עס איז געווען אַ פאַרשטענדיגונג פון פריער, צי ניט. די אַנטוויקלונגען האָבן באַוויזן, אַז די „מ.־פ." איז געווען גערעכט, ווען זי האָט זיך ניט געלאָזט מיטרייסן מיט דער היסטעריע; אַז די שטעלונג אירע איז געווען אַ שטעלונג אין די אמת'ע אינטערעסן פון ישראל. פּונקט אַזוי האָבן די דערפאַרונגען באַוויזן, אַז דער קאַמף פון דער „מ.־פ." אין די לעצטע יאָרן, פאַר נייטראַליטעט, איז אַ קאַמף פאַר מדינת ישראל. די „מ.־פ." שטיצט די שטעלונג פון דר. נחום גאָלדמאַן, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער אידישער אַגענטור, וועלכע האָט אינמיטן סעפּטעמבער 1956, אין אַן אינטערוויו מיט'ן צייטונג־שרייבער דריו פּירסאָן, דערקלערט, אַז די ישראל־רעגירונג מוז פירן אַן אַקטיווע שלום־פּאָליטיק, און אַז ישראל דאַרף ווערן אַ טייל פון אַ פעדעראַציע פון די לענדער אין מיטעלן מזרח.

די לעבנס־אינטערעסן פון מדינת ישראל פאָדערן עס זאָל אומבאַדינגט אָנערקענט ווערן:

1) די קאַלטע מלחמה איז דער אומגליק פאַר ישראל, ווי פאַר אַנדערע לענדער, ווי פאַר אַמעריקע. צוליב דער פּאָליטיק פון דער קאַלטער מלחמה איז געשאַפן געוואָרן דער באַגדאַד־פּאַקט, און איראַק, טערקיי און אַנדערע לענדער האָבן אָנגעהויבן קריגן טראַנספּאָרטן געווער פון דעם מערב. דאָס האָט שפּעטער באַוועגט די סאָציאַליסטישע לענדער צו שליסן אָפּמאַכן מיט עגיפּטן און סיריע, איינגעשלאָסן געווער־אָפּמאַכן. דאָס אָפּשאַפן די קאַלטע מלחמה וואָלט באַזייטיגט פון מיטל־מזרח סיי די פּאַקטן און סיי דאָס שיקן געווער. עס וואָלטן באַזייטיגט געוואָרן, אויב ניט אינגאַנצן איז טיילווייז, די קרעפטן וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין צינדן די שנאה צווישן די אַראַבישע לענדער און ישראל.

די „מ.־פ." קעמפט געגן דער קאַלטער מלחמה. די „מ.־פ." שטיצט דעם לאָזונג, אַז קיין שום געווער זאָל ניט געשיקט ווערן אין מיטל־מזרח — ניט פון מערב און ניט פון מזרח.

## דער אויפברויז אין אַזיע און אַפריקע

2) די אַראַבישע און אַנדערע לענדער, פון אַלזשיר, טוניס, מאַראָקאָ ביז עגיפּטן, ביז איראַק און איראַן, איינגעשלאָסן ציפּערן און אַנדערע געביטן, זיינען פאַרוויקלט אין אַ היסטאָרישן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און וואָס האָט געבראַכט

אומאָפּהענגיגקייט צו אינדיע, אינדאָנעזיע, בורמאַ און אַנדערע לענדער, און האָט אויך צושטאַנד־געבראַכט מדינת ישראל גופא, — אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, פאַר זעלבסטשטענדיגקייט, פאַר מאַכן אַ סוף צו דער ירושה פון קאָלאָניאַליזם און צו דעם פעאָדאַליזם. דאָס הייסט ניט, אַז די קאַמפן ווערן ניט דאָ און דאָרטן פאַרקריפּלט. דאָס הייסט ניט, אַז בראש פון די קאַמפן שטייען אומעטום די ריכטיגע פירער — צי דאָס איז דער סולטאַן אין מאַראָקאָ, דער אַרציבישאָף מאַקאַריאָס אין ציפּערן, נאַסער אין עגיפּטן, א. אַז. וו. דאָס הייסט אויך ניט, אַז מען דאַרף ניט אַרויס־טרעטן געגן דעם אָדער יענעם פירער, ווען ער באַגייט אַ שעדלעכן אַקט, אָדער מאַכט אַ שעדלעכע דערקלערונג. דאָס הייסט אָבער אויך ניט, אַז ווען די פירער זיינען ניט צום האַרצן, דאַרף מען זיך שטעלן אויף דער זייט פון די קאָלאָניאַלע אונטערדריקער, אָדער די אויל־טראָסטן.

די „מ.־פ.״ האָט פאַרדאַמט די האַנדלונגען פון דער נאַסער־רעגירונג בנוגע די עגיפּטישע אידן. זי האָט געפאָדערט און הערט ניט אויף צו פאָדערן, אַז אונזער רעגירונג אין וואַשינגטאָן זאָל זען, אַז די יו־ען זאָל אָננעמען מיטלען געגן די אָנפאַלן פון די פעדאַאין. ווען דער סולטאַן פון מאַראָקאָ האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געזוכט צו אַנולירן די פאַרשטענ־דיגונג וועגן דער אויסוואַנדערונג פון מאַראָקאַנער אידן קיין קיין ישראל, האָט די „מ.־פ.״ געגן דעם פּראָטעסטירט. די רעגירונגען אין די לענדער פון אַפריקע און אַזיע זיינען וייט פון צו זיין אויסגעהאַלטן־פּראָגרעסיווע, אָדער ליבעראַלע. אין אַ ריי לענדער ווערן פאַרפאָלגט סטרייקערס, ווערן אַרעסטירט קאָמוניסטן און בכלל שלום־קעמפער. צוליב דער אָפּגעשטאַנענ־קייט, אין וועלכער די אימפּעריאַליסטן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן די לענדער געהאַלטן — און געלאָזן — פאַרמאָגן זיי ניט קיין וועלכן עס איז באַדייטנדיגן פּראָלעטאַריאַט, קיין אַנטוויקלטע בורזשואַזיע אפילו. מיר האָבן צו טאָן מיט אַ באַפרייאונג־באַוועגונג אין לענדער, וואָס גייען איצט אַרויס, אָדער דאַרפן ערשט אַרויסגיין, פון פעאָדאַליזם. אין דער באַוועגונג זיינען פאַראַן פאַרשיידענע עלעמענטן, אויך פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענע. אָבער אַז די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע גייען איצט דורך אַ היסטאָריש־וויכטיגן, פּראָגרעסיוון פּראָצעס, קאָן קיין ספק ניט זיין. ווער עס אָנערקענט ניט דעם פּראָצעס, קאָן ניט געבן קיין אויסוועג פאַר ישראל. ווער עס רעדט אין נאָמען פון ישראל, אָדער פאַר ישראל, און שטעלט זיך אויף דער זייט פון די קאָלאָניאַלע אונטערדריקער, אָדער די אויל־טראָסטן און זייערע וואַשינגטאָנער באַדינער, געגן די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע, גראָבט דערמיט אונטער די לעבנס־אינטערעסן פון ישראל.

די סאָלידאַריטעט פון ישראל מיט די קאַמפן געגן קאָלאָניאַליזם, די נייטראַליטעט פון ישראל צווישן מזרח און מערב, האַנדלענדיג מיט, און זוכנדיג הילף, סיי פון מזרח און סיי פון מערב, וועט העלפן שאַפן אַן אַטמאָספערע פאַר שלום צווישן ישראל און אירע שכנים. דאָס אָפּשאַפן דיסקרימינאַציעס געגן אַראַבער אין ישראל — און די דיסקרימינאַציעס

האָבן דעם 29טן אָקטאָבער 1956 געבראַכט צו דער מורא׳דיגער טראַגעדיע אין דעם דאָרף קאַסים — וועט אויך העלפן שאַפן אַזאַ אַטמאָספערע. אויך די גרייטקייט צו אונטערהאַנדלען וועגן דער פראַגע פון די פּליכטלינגען און אַנדערע פראַגן וועט מיטהעלפן שאַפן דעם באָדן פאַר שלום, וואָס אָן דעם קאָן ישראל ניט עקזיסטירן.

די „מ.־פּ.״ זוכט צו מאָביליזירן די מאַסן פאַר דער אויבן־אָנגעוויזענער פּראָגראַם. זי רופט אָרגאַניזאַציעס און יחידים צו ווענדן זיך צו פּרעזידענט אייזענהאַוער׳ן, ער זאָל זען, אַז די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע אין דער יו־ען זאָל פעסט באַשטיין דערויף, אַז די יו־ען זאָל מיטהעלפן עס זאָל קומען צו שלום־אונטערהאַנדלונגען צווישן ישראל און אירע שכנים.

## הילף פאַר ישראל

די „מאָרגן־פרייהייט״ איז דערפאַר, אַז הילף זאָל געגעבן ווערן מדינת ישראל סיי דורך רעגירונגען און סיי דורך די פאָלקס־מאַסן דירעקט. די הילף טאָר אָבער ניט זיין קיין מיטל אויף אַריינמישן זיך אין ישראל, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. דאָס גילט אויך אויף דער הילף פון יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל און אַנדערע קערפּערשאַפטן, וואָס ווערט לוידער באַנוצט אויף באַאיינפלוסן דעם פּאָליטישן קורס פון דער ישראל־רעגירונג, ווערט באַנוצט אויף העלפן דירעקט די פּאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען, בשעת געגן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין ישראל ווערט דיסקרימינירט. די דערפאַרונגען האָבן באַוויזן, אַז הילף, דורך וועלכער מען זוכט צו דיקטירן אָדער באַאיינפלוסן ישראל, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, איז קיין הילף ניט.

די פּאַרשיידענע פּראָיעקטן פון הילף, וואָס טראָגט אַ הומאַניטאַרן כאַראַקטער, פאַרדינען געשטיצט צו ווערן. דאָס איז ריכטיג בנוגע דער הדסה, אין וועמעס מעדיצינישע און אַנדערע איינריכטונגען אין ישראל עס ווערן ניט געמאַכט קיין דיסקרימינאַציעס. דאָס איז ריכטיג בנוגע דעם באַשיידענעם פּראָיעקט — דעם ראובן ברייניז קליניק, וואָס ווערט געפּלאַנעוועט אין איינעם פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלן אין יפו, אויפ׳ן באַזיס פון פול־שטענדיגער גלייכהייט פאַר קינדער פון אַלע איינוואוינער. דאָס איז ריכטיג בנוגע דער טעטיגקייט פון דער עמאַ לאַזאַרוס פעדעראַציע לטובת די קינדער־היימען פון תרבות לעם.

די לאַגע פון ישראל איז צוליב דעם מאַרש אויף עגיפּטן שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן — עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און אין פּרט פון שלום מיט די שכנים. דאָס לעבן פון די מאַסן ווערט אַלץ שווערער. עס ווערן געמאַכט פאַרזוכן צו פאַרפירן די אַרבעט־לוינען, בשעת די אינפלאַציע שטייגט. צוליב די געוויינלעכע הויכע שטייערן, וואָס האָבן ביז איצט געטראָפן די האָרעפּאַשנע מאַסן מער ווי די אונטערנעמער און רייכע בכלל, זיינען צוגעקומען נייע דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן. עס וואַקסט די אַרבעטלאָזיגקייט און עס ווערט באַזונדער שווער די אַרבעטער איבער 50

יאָר אַלט, וועלכע ווערן צוליב זייער עלטער ניט רעגיסטרירט אין די אַרבעט־לאָזיגקייט־ביוראָען. פּאָליטיש האָט דער מאַרש געבראַכט צו דער איזאָלאַציע פון ישראל אויף דער וועלט־אַרענע. די אָנפאַלן פון די פעדאַאין האָבן ניט אויפגעהערט, נאָר זיך פאַרשטאַרקט. ישראל איז אין אַ שווערער לאַגע. זי דאַרף די הילף פון די ברייטסטע אידישע מאַסן אויף פאַרשיידענע אופנים. דער עיקר פאָדערן זיך די באַמיאונגען, דורך אָרגאַניזאַציעס, יחידים און אויף יעדן שטייגער, אַז — ווידעראַמאָל — וואַשינגטאָן זאָל פעסט שטעלן פאַר דער יו־ען די פראַגע וועגן מאַכן אַ סוף צו די אָנפאַלן פון די פעדאַאין; אַז ישראל זאָל קאָנען באַנוצן דעם סועץ־קאַנאַל, און אַז אַ שלום זאָל איינגעשטעלט ווערן.

מיר דריקן אויס אונזער סאָלידאַריטעט מיט די פאָלקס־מאַסן פון ישראל! מ'טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די ישראל־מאַסן האָבן אין דער פאַרגאַנגענער צייט געגעבן פּראָפּאָרציאָנעל אַן אומגעהויער־גרויסע צאָל אונטער־שריפטן פאַר שלום. פאָרשטייער פון ישראל, פון פאַרשיידענע ריכטונגען, האָבן זיך באַטייליגט אין דער פּאַריזער וועלט־קאָנפערענץ געגן באַוואָפענען דייטשלאַנד און אין אַנדערע איינינגקייט אַקציעס. מיר האָבן צוטרוי צום פאָלק פון ישראל, אַז עס וועט דורך אויסגעהאַלטענעם קאַמף געפינען זיין וועג צו אַ לייזונג פון די שווערע פּראָבלעמען, אַ לייזונג לויט דער איינ־שטעלונג פון **איינשטיינ'ען** און וועט זיך דערשלאָגן אַ געזיכערטע, אמת־זעלבסטשטענדיגע, אמת־דעמאָקראַטישע מדינת ישראל אין אַ וועלט פון שלום. דער קאַמף פון די אַמעריקאַנער מאַסן, פון אונז אַלעמען, פאַר שלום און געגן דער קאַלטער מלחמה, איז איינער פון די עפעקטיווסטע מיטלען ווי צו העלפן מדינת ישראל!

## פּראָבלעמען פון אידישן פאָלק

מיר האָבן אַן אינטערעס אין דעם פאָלק פון מדינת ישראל, ווייל מיר האָבן אַן אינטערעס אין אַלע פעלקער, אין זייער שטרעבונג צו פרייד־לעכער אַנטוויקלונג. אָבער ישראל גייט אונז אָן אויך צוליב דעם ווייל מיר האַלטן, ווי שוין געזאָגט, אַז די גרינדונג פון דער ישראל מדינה איז געווען און איז פאַרבליבן אַ געשעעניש פון גרויסער, היסטאָרישער באַדייטונג בכלל און פאַר'ן אידישן פאָלק בפרט. מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין מדינת ישראל אויך דערפאַר, ווייל מיר זיינען פאַראינטערעסירט אינ'ם לעבן פונ'ם אידישן פאָלק אומעטום.

די „מאָרגן־פרייהייט" איז אַלעמאָל געווען געגן, און איז פאַרבליבן געגן, דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס זוכט אָפּצוזונדערן די אידישע מאַסן פון די מאַסן פון אַנדערע פעלקער. דאָס איז אויך איינע פון די סיבות פון איר פּרינציפּיעלער געגנערשאַפט צום ציוניזם, וועלכער זוכט צו האַלטן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן במעט אויסשליסלעך אויף ישראל. די „מ.־פ." איז אַנטשלאָסן געגן דעם שאָוויניזם — פון די רעוויזיאָניסטן, הירות, און אַנדערע ריכטונגען. מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטן און זעען אין דער ברידערשאַפט צווישן אידן און אַנדערע פעלקער, צווישן אַמערי־

קאַנער אידן און די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן אַ לייזונג אויך פון די אידישע פראַגן. אָבער אידישע פראַגן גייען אונז אָן — וואו אַזעלכע פראַגן זאָלן ניט אויפשווימען. מיר זיינען געגן נאַציאָנאַליזם, אָבער פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אידישן פאָלק.

אידן זיינען אַ נאַציע נאָר אין ישראל, ווייל נאַציע איז אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמיש־טעריטאָריעלער באַגריף. אַמעריקאַנער אידן זיינען אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער נאַציע. זיי זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען, פּראָבלעמען און קאַמפן פון אַמעריקע. זיי האָבן געהאָלפן בויען אַמעריקע, געבראַכט פאַר איר קרבנות — אין דער רעוואָלוציע, אין בירגער־קריג, אין די מלחמות. אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון די אַלע וואָס באַוואוינען עס, איינגעשלאָסן די אידן. אָבער אַמעריקאַנער אידן זיינען פאַראינטערעסירט אינ׳ם לעבן פון די אידן אין אַנדערע לענדער, ווייל עס איז פאַראַן אַ אידיש פאָלק איבער דער וועלט — ניט נאַציע, נאָר פאָלק — וואָס איז פאַרבונדן צווישן זיך דורך געשיכטע, טראַדיציעס, און מיר האָבן באַזונדער אינזינען פּראָגרעסיווע טראַדיציעס, פרייהייט־טראַדיציעס, און פאַרבונדן דורך קולטור, אידישע און העברעאישע, פאַרבונדן דורך די פאַרפאָלגונגען, וואָס אידן בכלל האָבן אויסצושטיין — פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם, דיסקרימינאַציעס, פּאָגראָמען. פאַר פיל אידן אין פיל טיילן פון דער וועלט איז אידישע רעליגיע אַ וויכטיגער עלעמענט, וואָס פאַרבינדט זיי.

עס גייט אונז בפירוש אָן דאָס לעבן פון די אידן — אין ישראל, ווי אין עגיפּטן און טוניס, ווי אין פראַנקרייך, אַרגענטינע, קאַנאַדע און אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּוילן און אַלע סאָציאַליסטישע לענדער. ווען אידן ווערן באַרויבט פון זייערע רעכט, פון זייערע פרייע מעגלעכקייטן אויסצולעבן זיך עקאָנאָמיש און קולטורעל, פילן מיר זיך געטראָפן, טאַקע ווי קעמפער פאַר יושר פאַר אַלע פעלקער — און דער קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט פון יעדן פאָלק איז אונזערער — אָבער מיר פילן זיך געטראָפן ספּעציעל ווי אידן, ווי טיילן פון אידישן פאָלק. מיר זיינען דירעקט פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור, באַזונדער פון דער פּראָגרעסיווער קולטור צווישן די אידישע מאַסן אומעטום, און יעדע דערגרייכונג אויף דעם געביט, וואו דאָס זאָל ניט זיין, איז אויך אונזער דערגרייכונג.

די „מ.־פ.״ שטיצט די געמיינשאַפטלעכע אַקציעס פון אידן פון פאַרשיידענע לענדער אין קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, אָדער געגן באַוואָפענען דייטשלאַנד, אָדער די צוזאַמענקונפטן צו ערן דעם אָנדענק פון די העלדן אין די געטאָס, פון די 6 מיליאָן אומגעקומענע אידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. די „מ.־פ.״ שטיצט די געמיינשאַפטלעכע אַרבעט פון אידן אין פאַרשיידענע לענדער אינ׳ם בויען די אידישע קולטור. די „מ.־פ.״ איז פאַר שטענדיגע קולטור־פאַרבינדונגען צווישן אידן אין די פאַרשיידענע לענדער.

# אידישע קולטור אין סאָוועטן - פאַרבאַנד

ווען עס איז אין משך פון דער מלחמה איינגעשטעלט געוואָרן אַ רעגולערער קאָנטאַקט צווישן די בויער פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן פאַרבאַנד און קולטור־בויער אין אַמעריקע, איז דאָס געווען אַ וויכטיגע דערשיינונג אינם אידישן לעבן און אין דער בויאונג פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור. די היגע אידישע קולטור, באַזונדער די ליטעראַטור, איז געבאָרן און אויסגעוואָקסן געוואָרן אויפן היגן, אַמעריקאַנער, באָדן. אָבער די קלאַסיקער אירע האָבן געווירקט אין אַמאָליגן רוסלאַנד, און זיינען פון זייער זייט געווען באַווירקט פון די קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור. דער אויפשוואונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין געוועזענעם רוסלאַנד, אין סאָוועטן פאַרבאַנד, נאָך 1917, האָט ווייטער באַאיינפלוסט און דערמוטיגט די קולטור־בויער דאָ אין לאַנד. דער רעגולערער קאָנטאַקט, וואָס איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אין משך פון יאָרן, צווישן די סאָוועטישע און היגע בויער פון דער אידישער קולטור, דער קאָנטאַקט וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן בעת און נאָך דער מלחמה מיט'ן אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און זיין ספּעציעלן אָפּטייל פאַר אינפאָרמאַציע און אויסלענדישער באַדינונג, איז געווען פון גרויס באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור דאָ אין לאַנד. דאָס איז געווען אַ וויכטיגער עלעמענט אין די קולטור־באַציאונגען צווישן די פעלקער פון אַמעריקע און סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אידישע קולטור־טוער אין אַמעריקע, באַזונדער די פּראָגרעסיווע, זיינען דעריבער שטאַרק געטראָפן געוואָרן, ווען ס'איז אין נאָוועמבער 1948 פּלוצלינג צוגעמאַכט געוואָרן דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט און זיין אָרגאַן, „איינִיקייט", און ס'איז איבערגעהאַקט געוואָרן יעדע פאַרבינדונג מיט די סאָוועטיש־אידישע שרייבער און קולטור־טוער. צום אָנהויב האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ מיספאַרשטייעניש, דערנאָך ווי אַ רעטעניש, שפּעטער — אין משך פון יאָרן — ווי אַן אומדערקלערבאַרער קאָשמאַר. אַלערליי פאַרזוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון אינסטיטוציעס אָדער יחידים, געוואָר צו ווערן וואָס עס האָט פּאַסירט, האָבן קיין רעזולטאַטן ניט געבראַכט. עס זיינען געקומען דראָענדיגע באַריכטן פון קוואַלן, וועלכע האָבן זיך אין משך פון יאָרן ניט אָפּגעשטעלט — און שטעלן זיך ניט אָפּ עד היום — פאַר פּאַבריקאַציעס, און האָבן ניט געקאָנט אַרויסרופן צו זיך קיין צוטרוי. עס זיינען געקומען „גוטע" באַריכטן, אַז דאָ און דאָרט האָט מען „געזען" דעם אָדער יענעם, אָבער דער קאָשמאַר איז דערפון ניט באַזייטיגט געוואָרן. וואָס עס איז פאָרגעקומען האָט מען ניט געוווּסט.

סוף דעצעמבער 1955 איז דערשינען אַ נאָטיץ אין דער מאָסקווער "ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", וועגן אַ קאָמיסיע מכוח דער ירושה פון פּרץ מאַרקיש'ן. דאָס איז געווען די ערשטע דערשיטערנדיגע ידיעה וועגן דעם, אַז דער גרויסער דיכטער איז ניטאָ. אָבער דאָס גאַנצע בילד איז נאָך אַלץ ניט געווען קלאָר. ווען ס'איז אין דער „וואַרשעווער פאָלקס שטימע" פון

4טן אַפּריל 1956 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אַרטיקל: „אונזער וויטאָג און אונזער טרייסט״, איז אויפגעדעקט געוואָרן די גרויליגע ווירקלעכקייט.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז די האַנדלונג פון דער „פאָלקס שטימע״ איז געווען פון היסטאָריש־וויכטיגער באַדייטונג. בעסער וואָלט געווייס געווען, ווען דער אמת, ווי גרוילעך ער זאָל ניט זיין, וואָלט געווען אָפן און קלאָר אַרויסגעבראַכט פון אַ סאָוועטישן אָרגאַן. **די „פאָלקס־שטימע״ האָט דאָ דורכגעפירט אַ וויכטיגע פונקציע.** מיר האָבן זיך דערוואוסט דעם אמת. דערשיטערטע און אויפגעטרייסלטע האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דעם אומקום פון די בעסטע שאַפער און בויער פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

## הונדערטער מיליאָנען אין דער זעלביגער לאַגע

געווען איז דאָס שוין נאָכן 20סטן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס האָט אויפגעדעקט פאַר דער גאַנצער וועלט עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס די פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אומעטום, הונדערטער מיליאָנען, האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט. עס איז וויכטיג, אַז פריינט פון אידישער קולטור, וואָס אין זייער אויפריכטיגן ווייטאָג האָבן זיי אויך געוואָרפן באַשולדיגונגען, אַז דער אָדער יענער האָט „געוואוסט און געשוויגן״, זאָלן עס נעמען אין אַכט. דאָ איז ניט נאָר אַ פראַגע פון ניט־וואַרפן קיין אומבאַרעכטיגטע באַשולדיגונגען, אָדער פון פאַרטיידיגן וועמען עס איז. דאָ איז אַ פראַגע פון באַגרייפן דעם ענין אויף אַ געהעריגן שטייגער.

עס איז דאָך ריכטיג, אַז הונדערטער מיליאָנען, איבער דער גאַנצער וועלט, איינגעשלאָסן פאַרטיי־פירער, די וויכטיגסטע נעמען אין דער אינטעלעקטועלער וועלט, האָבן ניט געהאַט קיין באַגריף פון די אַלע פאַרברעכנס, וואָס זיינען פאָרגעקומען געגן די פאַרשיידענע סאָוועטישע פעלקער, איינגעשלאָסן דעם רוסישן פאָלק, ביי וועמען עס זיינען אומגעקומען פאַרטיי־פירער, מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער, אַרמיי־קאָמאַנדירן, שרייבער און אַלערליי אינטעלעקטואַלן. די אידישע פּראָגרעסיווע טוער אין אַמעריקע זיינען געווען אין דער זעלביגער לאַגע, ווי פּראָגרעסיווע טוער פון אַנדערע פעלקער.

אויך די פראַגע פאַרוואָס מען האָט געשוויגן דאַרף באַטראַכט ווערן אויף דעם זעלבינן, אויף אַן אַלגעמיינעם שטייגער. איצט, ווען מען ווייסט וואָס עס איז פאָרגעקומען, און ווען דער 20טער קאָנגרעס האָט געשאַפן פאַר פיל פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אַ נייעם צוגאַנג צו פראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיט סאָציאַליסטישע מלוכות בכלל, ברענט אַ ווייטאָג פאַרוואָס מען האָט געשוויגן; פאַרוואָס די פאַרזוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, זיינען ניט באַגלייט געוואָרן מיט עפנטלעכע אָנפראַגן, פאָדערונגען. אין ליכט פון דעם, וואָס מען ווייסט **איצט**, קוקט דאָס דאָזיגע שווייגן באמת אויס פאַרברעכעריש. אָבער ווען מען וויל ניט סתם ספּעקולירן, ווי אַזוי מען האָט פריער געדאַרפט האַנדלען, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז ס'איז — מילד גע־

רעדט — ניט רעאַליסטיש, ווען מען באַשטימט איצט, לויט דער איצטיגער סיטואַציע, און לויט דעם וואָס מיר ווייסן איצט, ווי אַזוי מען האָט געדאַרפט האַנדלען פריער, ווען די סיטואַציע איז געווען אַן אַנדערע, ווען מען האָט ניט געקאָנט גלויבן, אַז אַזעלכע פאַרברעכנס זיינען מעגלעך געווען. דאָס איז ניט קיין פאַרענטפערונג, נאָר, דאַכט זיך, אַ רעאַליסטישע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע. אין דער פריערדיקער סיטואַציע האָבן ניט נאָר פירער און טוער געזוכט ניט אַריינצושפּילן אין די הענט פון די צינדער פון דער קאַלטער מלחמה, נאָר די ברייטע פאָלקס-מאַסן גופא, פריינט פון סאָוועטן-פאַרבאַנד, קעמפער פאַר שלום, האָבן געקוקט קרום אויף די, וואָס האָבן אויף וועלכן ס'איז אופן געגעבן שפּייז די מלחמה-לייט.

## די דיסקוסיע אין דער „מאָרגן-פרייהייט"

ווי אַזוי האָט די „מאָרגן-פרייהייט" געהאַנדלט, ווען דער „פאָלקס-שטימע" אַרטיקל איז דערשינען?

עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס כאָטש זיי זיינען אָן ספק אויפגערודערט געוואָרן פון די פאַקטן און האָבן באַגריפן, אַז אַ גרויסער אומגליק האָט פּאַסירט, האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט, אַז די אָנהענגער פון דער קאַלטער מלחמה און פּראָפעסיאָנעלע שונאים פון סאָוועטן-פאַרבאַנד זאָלן קאָנען שלאָגן קאַפּיטאַל דערפון. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די פּאַרטיידיקונג פון די סאָציאַליסטישע לענדער פאַרבלייבט די הויפּט-אויפגאַבע, און אַז דורך אויסדריקן דעם ווייטאָג צו אָפן, וואַרפט מען אויף די לענדער אַ שאָטן. ווען די „מאָרגן-פרייהייט" האָט אָפּגעדרוקט איר ערשטן עדיטאָריעל וועגן כרושטשעוו'ס רעדע וועגן סטאַלינ'ען, און אָנגעוויזן אַז ער האָט פאַרפעלט אָפּצושטעלן זיך אויף דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער אידישער קולטור, האָבן די אָנהענגער פון דעם צוגאַנג מיט אונז ניט מסכים געווען. זיי האָבן געקוקט קרום אויך אויפן פאַרעפנטלעכן כרושטשעוו'ס רעדע וועגן דעם פּעריאָד פון סטאַלינ'ס אַליינהערשאַפט.

אַנדערע זיינען געווען, וואָס האָבן, פאַרקערט, געזוכט צו לאָזן הערן נאָר דעם געשריי און דעם ווייטאָג און די פאַרדאַמונג, און ניט געוואָלט זען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאַטאַקליזם, וואָס האָט געטראָפן פיל פעלקער, און אויף וועלכן דער 20-סטער קאָנגרעס האָט געזוכט צו רעאַגירן. זיי האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די ראָל פון דער קאַלטער מלחמה אין די פאַרברעכנס. זיי האָבן ניט געוואָלט זען, אַז דאָס זיינען אייגנטלעך געווען פאַרברעכנס געגן סאָציאַליזם. זיי האָבן אויסגעדריקט דעם ווייטאָג און זיך ניט געלאָזט טרייסטן, — ניט געוואָלט זען די טרייסט, אויף וועלכער די „פאָלקס-שטימע" גופא האָט אָנגעוויזן.

די רעדע פון כרושטשעוו'ן און דער אַרטיקל פון דער „פאָלקס-שטימע" האָבן אַריינגעטראָגן אַ מורא'דיגע דערשיטערונג, באַזונדער צווישן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן. עס איז געווען די געפאַר פון דעמאָראַליזאַציע, פון פאַרצווייפלונג. דאָס וואָלט געשטערט דעם קאַמף פאַר אַ לייזונג און וואָלט אונטערגעגראָבן די אידישע קולטור-אַרבעט דאָ אין לאַנד. די שטענדיגע

שונאים, די מלחמה־לייט, האָבן דערזען אַ געלעגנהייט און אָנגעהויבן אַ באַנייטע אָפּענסיווע. ווי אַזוי האָט די „מאָרגן־פֿרייהייט" געהאַנדלט אין דער קריטישער לאַגע?

זי האָט אויסגעדריקט דעם ווייטאָג פֿון די אידישע מאַסן — אונזער אַלעמענס ווייטאָג. זי האָט קריטיקירט, געשטעלט פֿאָדערונגען. זי האָט געגעבן אַ פֿול בילד פֿון דעם, וואָס איז געשען, געדרוקט צענדליגער אַרטיקלען — פֿון אירע אייגענע מיטאַרבעטער און פֿון שרייבער און טוער פֿון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן אויפֿגעקלערט וואָס אַזוינס עס האָט פּאַסירט, און וואָס מען קאָן דערוואַרטן אויף ווייטער. ס'איז אַרויסגערוקט געוואָרן די בויאונג פֿון דער אידישער קולטור אין פּוילן און רומעניע, ווי אַ לעבעדיגער באַווייז, אַז ניט דער סאָציאַליזם איז שולדיג אין די פֿאַרברעכנס בנוגע דער אידישער קולטור, נאָר אַז דאָ זיינען פֿאָרגעקומען **פֿאַרברעכנס געגן סאָציאַליזם**; אַז ס'איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרקריפּלונג פֿון דער געזונטער סאָוועטישער לייזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער און אידישער פֿראַגע.

די לייענער זיינען גערופֿן געוואָרן אויסצודריקן זייער מיינונג, אויסצושרייען זייער ווייטאָג. אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט" איז ניט געקומען אַזאַ שטראָם בריוו, זיינען ניט געדרוקט געוואָרן אַזוי פֿיל בריוו — און אַלץ איז געדרוקט געוואָרן. דערמיט איז ניט נאָר געגעבן געוואָרן דעם פֿאָלק אַ געלעגנהייט אַראָפּצורעדן זיך פֿון האַרצן. דאָס פֿאָלק גופא איז דערשינען ווי אַ פֿאַקטאָר אין דער באַוועגונג פֿון רעהאַביליטאַציע און רעקאָנסטרוקציע.

אָט פֿאַר דעם, פֿאַר רעהאַביליטאַציע און רעקאָנסטרוקציע האָט די „מאָרגן־פֿרייהייט" אָנגעהויבן אַ קאַמף, וועלכן זי פֿירט כסדר, ניט דערשטיקנדיג דעם ווייטאָג. זי האָט כסדר אויך אינזינען געהאַט די **טרייסט, אויף וועלכער די „פֿאָלקס־שטימע" האָט מיט רעכט אָנגעוויזן**. מיר האָבן געדענקט די ווערטער פֿון דער „פֿאָלקס־שטימע", אַז דער 20־סטער קאָנגרעס „האָט געגעבן דעם פּאַראָל אויסצוטראָטן מיטן וואָרצל דעם פּערזאָנען־קולט, דעם קוואַל פֿון פֿאַרקריפּלונגען", און אַז דער קאָנגרעס האָט דעריבער „באַרעכטיגט די טיפֿע האָפֿענונגען און איבערצייגונגען פֿון די אידישע פֿאָלקס־מאַסן אין דעם זיג פֿון לענינשן אמת".

האָט די „מאָרגן ־ פֿרייהייט" געהאַט אַ ריכטיגן צוגאַנג צו אָט־דעם גאַנצן היסטאָריש־טראַגישן און היסטאָריש־וויכטיגן ענין? דאַכט זיך, אַז יאָ.

## שטעלונג צום סאָוועטן ־ פֿאַרבאַנד

דער 20־סטער קאָנגרעס און די אַנטוויקלונגען נאָכן קאָנגרעס, די אויפֿדעקונגען וועגן די אידישע שרייבער און קולטור־טוער און וועגן די פֿאַרברעכנס געגן אַלערליי פֿעלקער, האָבן אונז אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט", צוזאַמען מיט גרויסע מאַסן דאָ אין לאַנד און אין אַנדערע לענדער, געגעבן אַ היסטאָרישע לעקציע. אין אַ באַשטימטער מאָס האָט זיך ביי דער „מאָרגן־פֿרייהייט" געשאַפֿן אַ נייע באַציאונג צו די סאָציאַליסטישע לענ־

דער מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד בראש. אין וואָס באַשטייט זי?

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע דאַרף מען פריער, דאַכט זיך, קלאָר מאַכן, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אונזער שטענדיגע פּאָזיטיווע באַציאונג צו די דאָזיגע לענדער. ערשטנס, פון דעם וואָס מיר זיינען אָנהענגער פון סאָציאַליזם. ס׳איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז לענדער וואָס בויען דעם סאָציאַליזם זאָלן האָבן — און האָבן — אונזערע סימפּאַטיעס, און אַז מיר זאָלן כסדר זוכן צו באַקענען דעם לייענער מיט דער דאָזיגער בויאונג, אָנווייזן אויף דעם ווי אויף אַ גרויסער אַנטוויקלונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין דעם איז די גאַנצע צייט באַשטאַנען די ספּעציעלע ראָל פון דער „מאָרגן־פרייהייט".

צווייטנס, האָט זיך אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און די סאָציאַליסטישע לענדער בכלל גענומען דערפון, וואָס מיר, צוזאַמען מיט הונדערטער־מיליאָנען איבער דער וועלט, האָבן אָנערקענט זייער ראָל אין קאַמף פאַר שלום. אויף וויפיל מיר זיינען געווען — און זיינען — איבערצייגט, אַז סאָציאַליזם דאַרף ניט פאַרכאַפּן קיין מערק און האָט ניט קיין פּראָפיט־אינטערעסן אין באַוואָפענונגען, איז ביי אונז קיין ספק ניט געווען, אַז די לענדער שטעלן פאָר מיט זיך אַ גרויסע קראַפט פאַר שלום.

מען קאָן פעסט זאָגן, גלויבן מיר, אַז אין ביידע פּרטים איז די „מאָרגן־פרייהייט" געווען און פאַרבליבן גערעכט. וואָס איז שייך דעם סאָציאַליזם, האָט ער געוויס, צוליב די טעות׳ן און די פאַרברעכנס, געקראָגן אַ קלאַפּ. אָבער די סאָציאַליסטישע באַזע איז געבליבן. מען קאָן זאָגן, אַז דער סאָציאַליזם גייט איצט דורך אַ מאָמענט פון חשבון־הנפש, פון פאַרריכטן טעות׳ן, כאָטש ניט אַזוי גיך ווי עס וואָלט זיך געוואָלט. די סאָציאַליסטישע באַזע איז אָבער געבליבן, און ווען ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז אונגאַרן זאָל ניט נאָר אומקערן זיך צום קאַפּיטאַליזם, נאָר זאָל ווערן אַ באַזע פאַר פאַשיזם און מלחמה, האָט עס די סאָציאַליסטישע וועלט ניט דערלאָזט. דערפאַר האָט די „מאָרגן־פרייהייט" אָפּגעשאַצט די געשעענישן אין אונגאַרן אַנדערש ווי אַנדערע אידישע צייטונגען, כאָטש זי האָט אָנערקענט, און אָנערקענט עד היום, אַז דער אָנהויב פונם קאַמף פון די אונגאַרישע מאַסן, אויך געגן טעות׳ן און פאַרברעכנס, איז געווען אַ באַרעכטיגטער.

וואָס איז שייך שלום, האָט דער קאַמף פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין משך פון יאָרן, דער קאַמף פאַר אַ קאָנפערענץ פון די „גרויסע 4" ערב זשענעווע, און פאַרן זשענעווער גייסט שפּעטער, און איצט ווידעראַמאָל פאַר אַזאַ קאָנפערענץ, צוגעשטעלט, און שטעלט ווייטער צו, באַווייזן וועגן דער ראָל פון די סאָציאַליסטישע לענדער אין העלפן באַוואָרענען דעם שלום. די „מאָרגן־פרייהייט", וואָס זעט אין דעם שלום די צענטראַלע פראַגע פונם איצטיגן מאָמענט, קאָן האָבן נאָר אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער דאָזיגער ראָל.

וואָס־זשע האָט זיך געביטן אין דער באַציאונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט"? ס׳האָט זיך זינט דעם 20־סטן קאָנגרעס אָט וואָס געביטן. פאַר־

בלייבנדיג אָנהענגער פון סאָציאַליזם, קעמפער פאַר שלום, פאַרמאַכן מיר מער ניט די אויגן אויף טעות'ן, אָדער אויף איינשטעלונגען, וואָס קוקן אונז אויס צו זיין ניט קיין ריכטיגע. איצט, ווייסנדיג וואָס עס איז פאָרגעקומען, האַלטן מיר, אַז מען טאָר באמת ניט שווייגן, ווען עס פּאַסירן זאַכן, וואָס זיינען אומפאַרשטענדלעך, אָדער מיט וועלכע מען קאָן ניט מסכים זיין.

מיר זיינען טאַקע פריער אויך ניט מחויב געווען צו שווייגן! **קיינער האָט אונז ניט געבונדן!** **די „מאָרגן־פרייהייט" איז אַ זעלבסטשטענדיגע, אומאָפּהענגיגע פּראָגרעסיווע אידישע פֿאָלקס־צייטונג.** מיר האָבן אָבער געטיילט, צוזאַמען מיט פּראָגרעסיווע עלעמענטן איבער דער גאַנצער וועלט, די איינשטעלונג, אַז אין די אינטערעסן פון וועלט־שלום דאַרף מען פאַרשווייגן געוויסע זאַכן, ניט אַריינשפּילען אין די הענט פון די מלחמה־לייט. איצט, נאָך דעם אַלעמען וואָס דער 20־סטער קאָנגרעס האָט אויפגעדעקט, נאָך דער אויפגעדעקטער טראַגעדיע פון דער אידישער קולטור, איז קלאָר, אַז דאָס איז געווען ניט קיין ריכטיגער צוגאַנג; אַז דערמיט האָט מען דעם קאַמף פאַר שלום סוף־כל־סוף ניט געהאָלפן.

**מיר ווענדן איצט אָן קאָנסטרוקטיווע קריטיק.** מיר האָבן אַזאַ קריטיק אָנגעווענדט ווען סאָוועטישע פירער האָבן געהאַנדלט בנוגע ישראל, לויט אונזער מיינונג, ניט אויף אַ ריכטיגן שטייגער. מיר שרייבן דאָס אויך צו צו די טעות'ן אין דער נאַציאָנאַלער און אידישער פראַגע. מיר האָבן געזאָגט און זאָגן אונזער וואָרט אין דער־אָ פראַגע, אין דער פראַגע וועגן דער אידישער קולטור.

אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע פון דער אידישער קולטור קאָן מען אונז מיט רעכט פאָרוואַרפן, אַז מיר זיינען ניט אַרויסגעטראָטן געגן די „טעאָריעס" פון „אינטעגראַציע", וואָס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן, כדי צו באַרעכטיגן דאָס פאַרשווינדן פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. **דעם טעות דאַרפן מיר אָנערקענען.** אין דער זעלביגער צייט מעג מען אָנווייזן, אַז מיר האָבן **ניט געשטיצט** די דאָזיגע „טעאָריעס", ניט געהאַט קיין שום אָפּהאַנדלונגען זיי צו שטיצן, — און ניט על פי צופאַל, נאָר גאַנץ באַוואוסטזיניג. קיינער פון די וואָס פירן אָן מיט דער „מאָרגן־פרייהייט" די לעצטע יאָרן איז ניט קיין אָנהענגער פון די דאָזיגע פאַלשע „טעאָריעס".

נאָכמער: די „מאָרגן־פרייהייט" האַלט, אַז אָט־די „טעאָריעס" זיינען פאַלש אויך אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַלץ איינס וויפיל אידן עס זאָלן ניט אַריבערגיין צו דער רוסישער אָדער אַנדערע קולטורן, זיינען נאָך דאָרט פאַראַן גרויסע צאָלן, וואָס ווילן אידישע קולטור, ווי די קאָנצערטן באַווייזן עס. דאָס אונטערדריקן — און אונטערדריקן איבערנאַכט — זייער פאַרלאַנג אויסצולעבן זיך אין דער אידישער קולטור, איז ניט קיין „אינטעגראַציע", נאָר צוואַנג־אַסימילאַציע. און ווייטער: פּונקט ווי אַמעריקאַנער אידן, וואָס רעדן און לייענען ענגליש, פאַרלירן ניט זייער אינטערעס אין אידישע פראַגן, און אין אידן אין אַנדערע לענדער, אַזוי איז אויך מיט אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען אַוועק פון אידיש און אַריבער צו רוסיש אָדער אַנדערע שפּראַכן. דאָס ניט דערלאָזן די

מעגלעכקייטן אויסצודריקן אזא נאטירלעכן אינטערעס, קאן נאר שפייזן ביי זיי דעם נאציאנאליזם. און אויף וויפיל די סינאגאגע איז דערווייל נאר די איינציגע אידישע אינסטיטוציע אין סאוועטן־פארבאנד, העלפט עס מיט דעם דאזיגן נאציאנאליזם צו שפייזן.

די „מארגן־פרייהייט" האט געהאט א ריי עדיטאריעלס און ארטיקלען וועגן דער פראגע, און זי וועט פארזעצן, אין דער ליניע פון קאנסטרוקטיווער קריטיק, ווייטער קלאר צו מאכן איר שטעלונג. עס האנדלט זיך וועגן דעם גאנצן צוגאנג צו דער נאציאנאלער פראגע, וועגן אן אומקער צו דער געזונטער סאוועטישער פראקטיק פון 1917 ביז אינמיטן פון די דרייסיגער יארן. די „מארגן־פרייהייט" האלט, ווי עס איז געזאגט געווארן אין דעם עדיטאריעל פון 16טן דעצעמבער, אז די שטים אירע איז ניט קיין קול קורא במדבר. עס איז איצט, ווי געזאגט, א פעריאד פון חשבון הנפש אין די לענדער פון סאציאליזם, פון ארומקוקן זיך און פאררירכטן. קאנסטרוקטיווע קריטיק איז דא ניט נאר געוואונטשן נאר נויטיג. די „מארגן־פרייהייט" האט בשום אופן ניט אויפגעגעבן די האפענונג, אז די טעות'ן בנוגע דער נאציאנאלער פראגע בכלל און דער אידישער פראגע בפרט, אין סאוועטן־פארבאנד, וועלן פאררירכט ווערן. אויך אנדערע פראגרעסיווע ארגאנען, אין אנדערע לענדער, ווייזן אן אויף די טעות'ן. און די סאוועטישע אידן גופא וועלן דא זיין א פאקטאר, צוזאמען מיט אנדערע סאוועטישע פעלקערשאפטן, וועלכע זיינען בא'עוולה'עט געווארן.

די „מארגן־פרייהייט" שיקט איר גרוס די בויער פון דער אידישער קולטור אין סאוועטן־פארבאנד, די בויער פון דער אידישער קולטור אין פוילן, וועלכע געפינען זיך איצט אין א שווערן פעריאד, די בויער פון דער אידישער קולטור אין רומעניע, ישראל, פראנקרייך — אומעטום!

## וואס פאר א צייטונג איז די „מארגן־פרייהייט"?

אין אונזער באריכט צו דער קאנווענשאן ערב דעם דרייסיגסטן יובילײ פון דער „מארגן־פרייהייט" האבן מיר דערקלערט: „די 'מארגן־פרייהייט' איז א פראגרעסיווע אידישע ארבעטער־ און פאלקס־צייטונג, אן אויסגעהאלטענע אנטי־פאשיסטישע צייטונג, וואס דריקט אויס די אינטערעסן פון די ברייטע שיכטן פון די אידן אין אמעריקע, פון אלערליי ריכטונגען". די דערפארונגען פון די לעצטע פינף יאר האבן עס ווידער באשטעטיגט. איז דען ניט קלאר, אז דער קאמף געגן אנטיסעמיטיזם, געגן באוואפנטן דייטשלאנד — וועלכן נאר די „מארגן־פרייהייט" האט, אגב, געפירט, — און דער קאמף פאר שלום און א געזיכערטער מדינת־ישראל, איז א קאמף ניט פון א ריכטונג, נאר פון גאנצן פאלק?

די „מארגן־פרייהייט" איז א פראגרעסיווע, אומאפהענגיגע אידישע ארבעטער־ און פאלקס־צייטונג. די איינציגע וואס קאנטראלירן די צייטונג זייט איר, פארשטייער פון די ברייטע אידישע מאסן. מיר זיינען צו קיינעם ניט פארפליכטעט, חוץ צו אייך. אונזער

צוגאַנג צו פּאָליטישע און אַנדערע פראַגן ווערט פאָרמולירט אויף די באַראַטונגען פון דעם רעדאַקציע־סטעף יעדן פרימאָרגן, דורך אַ פרייען, קאָלעגיאַלן מיינונג־אויסטויש, און אַמאָל דורך דיסקוסיעס. דער רעדאַקציע־סטעף, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך צו אייך, איז די קערפּערשאַפט, וואָס פאָרמולירט דעם צוגאַנג צו די פאַרשיידענע פראַגן, ווי זיי ווערן באַלויכטן אין דער „מאָרגן־פרייהייט".

אין דער גרויסער דיסקוסיע וועגן 20טן קאָנגרעס און דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פריי אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַלערליי מיינונגען, צייטנווייז שאַרף אַרויסגעזאָגט. עס איז די איינשטעלונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט" צו דרוקן אַזעלכע בריוו, און אויך אַרטיקלען, אַלץ איינס צי די רעדאַקציע איז מיט זיי מסכים, צי ניט. אַזוי לאַנג ווי זיי העלפן קלאָר מאַכן וויכטיגע פּראָבלעמען, האָבן זיי אַן אָרט אין דער „מאָרגן־פרייהייט". די „מאָרגן־פרייהייט" איז ניט באַגרעניצט צו איין ריכטונג, — זי איז די צייטונג פון די ברייטע אידישע מאַסן.

אין דעם באַריכט צו דער קאָנווענשאָן ערב דעם 30טן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט" האָבן מיר ווייטער געזאָגט: „די 'מאָרגן־פרייהייט' זוכט צו פאַראייניקן אידן פון אַלערליי ריכטונגען אין קאַמף פאַר פרידן, פאַר רעכט, צו בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן, צו בויען די אידישע קולטור, לויט די טראַדיציעס פון אונזערע קלאַסיקער, און צו פאַרזיכערן אַ דעמאָקראַטישע, זעלבשטענדיגע און גליקלעכע מדינת ישראל". די־אָ צוזאָגן וועלן מיר ווייטער בלייבן געטריי, און אָריענטירן אונזער אַרבעט אַזוי, אַז עס זאָל ביי יעדער געלעגנהייט און מיט אַלע מעגלעכקייטן געשאַפן ווערן אַ וואָס־ברייטערע איינינקייט אין די אינטערעסן פון פאָלק.

דער אופן ווי אַזוי די „מאָרגן־פרייהייט" זוכט צו באַלייכטן די פראַגן פון טאָג האָט געוויס באַשטעטיגט דעם דאָזיגן צוגאַנג. דאָס הייסט ניט, אַז עס זיינען ניט פאַראַן קיין בלויזן. דאָס הייסט ניט, אַז אַמאָל רייסט זיך ניט דורך אַ ניט־געהעריגער טאָן. עס איז לײדער אויך ריכטיג, אַז היגע אידישע פראַגן ווערן ניט גענוג באַהאַנדלט אין דער „מאָרגן־פרייהייט"; אַז די „מאָרגן־פרייהייט" באַקענט ניט אירע לייענער מיט דער טעטיגקייט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, הדסה, בני ברית און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, מיט די טעטיגקייטן פון די פאַרשיידענע קאָמיוניטי צענטערס, און אַז. וו. און רעדט מען וועגן בלויזן, דאַרף מען, ווידעראַמאָל, דערמאָנען דאָס, אויף וואָס מיר האָבן צום אָנהויב אָנגעוויזן, — די שוואַכערע פאַרבינדונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט" מיט די אַרבעטער אין די שעפּער און יוניאָנס. עס איז ניטאָ גענוג רעפּאָרטאַזש אין דער „מאָרגן־פרייהייט". געוויסע אַמעריקאַנער פּראָבלעמען ווערן ניט ווי געהעריג באַהאַנדלט. דאָס הענגט אויך אָפּ פון שרייבערישן פּערסאָנאַל, וועגן וואָס מיר וועלן באַלד רעדן. אָבער עס איז, דאַכט זיך, קלאָר, אַז בכלל גענומען האָט די „מאָרגן־פרייהייט" אַ ריכטיגע איינשטעלונג, אַן איינשטעלונג צו דינען די ברייטע אידישע מאַסן. אויף דעם געביט האָט זי אין משך פון די לעצטע עטלעכע

יאָר געמאַכט אַ ריי ספּעציעלע אָנשטרענגונגען.

מען קאָן דאָ, למשל, אָנווייזן אויף דער שליחות, וואָס עס האָט דורכגעפירט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" דער פאַרוואַלטנדיגער רע־דאַקטאָר, י. פריד, ווען ער איז אין זומער 1955 געפאָרן צו דער וועלט־קאָנפערענץ אין פּאַריז, אַ קאָנפערענץ געגן דער באַוואָפענונג פון דייטש־לאַנד. די „מאָרגן־פרייהייט" איז געווען די איינציגע אידישע צייטונג, וואָס האָט דערציילט די אידישע מאַסן אין אַמעריקע וועגן דעם דאָזיגן וויכטיגן צוזאַמענקונפט, פון וועלכן דער פירער פון די ציוניסטן אין פראַנקרייך, אַנדרע בלומעל, איז געווען דער פאָרזיצער.

אין סוף 1955 און אָנהויב 1956 האָט אונזער פריצייטיג־פאַרשטאָר־בענער מיטאַרבעטער נ. בוכוואַלד געמאַכט אַ רייזע אין מערב־אײראָפּע און ישראל, און צוגעשיקט באַריכטן, באַשרייבונגען פון גאָר ברייטן אינ־טערעס פאַרן אידישן עולם. אין מאַי־יוני, 1956, האָט אונזער פאַרוואַלטער, חיים סולער, געמאַכט אַ רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז געווען דער ערשטער פאַרטרעטער פון אַן אַמעריקאַניש־אידישער צייטונג, וואָס האָט געמאַכט פאַרבינדונגען מיט די סאָוועטיש־אידישע שרייבער, — צום ערשטן מאָל זינט דעם טראַגישן איבעררייס פון 1948. דער דאָזיגער קאָנטאַקט איז אָן ספק געווען פון גרויס באַדייטונג פאַר אַלע אידן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אידישער קולטור.

## שרייבער פון סאָוועטן - פאַרבאַנד, פּוילן, ישראל, פראַנקרייך

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" איז ניט נאָר די איינציגע אידישע צייטונג אין אַמעריקע, וואָס קעמפט אויף אַ קאָנסטרוק־טיוון אופן פאַרן אויפבוי פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך די איינציגע וואָס ברענגט איצט דעם אידישן עולם די שאַפונגען פון די לעבעדיגע אידישע שרייבער אין סאָוועטישן לאַנד. — ווי זי איז געווען די איינציגע, מיט יאָרן צוריק, צו ברענגען דעם אידישן עולם די שאַפונגען פון די שרייבער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. זינט לעצטן זומער האָבן מיר שוין געדרוקט אַרטיקלען, עסייען, לידער, דערציילונגען פון ש. האַלקין, נח לוריע, אברהם גאָנטאַר, אייזיק פּלאַטנער, ז. ווענדראָף, משה בעלענסקי, ישראל סערעבראַני, ה. פּאָליאַנקער, אברהם קאַהאַן, ס. ראַבינאָוויטש, י. קאַצנעלסאָן און אַנדערע. כאָטש מיר זיינען נאָך ווייט ניט צופרידן מיט די ביז־איצטיגע דערגרייכונגען, איז אָבער וויכטיג, אַז דער אידישער עולם זאָל וויסן וועגן זיי. אַזעלכע זאַכן ווי די אויפלעבונג פון דער אידישער קולטור אין ווילנע, דווינסק און אַנדערע שטעט, די אי־דישע קאָנצערטן אין מאָסקווע און פיל שטעט איבערן לאַנד, די ברייטע שלום־עליכם פייערונגען, די קולטור־טעטיגקייט אין בירא־בידזשאַן, פאַר־מאָגן ניט נאָר אַן אינטערעס פאַר זיך אַליין, נאָר שטעלן פאָר מיט זיך וויכטיגע אָנהויבן. די „מאָרגן־פרייהייט" איז אויך די איינציגע אידישע צייטונג דאָ אין לאַנד, וואָס דערציילט דעם אידישן עולם וועגן דער אידי־

שער קולטור אין פּוילן און רומעניע. זי דרוקט כּסדר די אַרטיקלען, עסייען, דערציילונגען, לידער — פֿון הערש סמאָליאַר, בער מאַרק, בינעם העלער, מיכאל מירסקי, דוד ספּאַרד, ישראל עמיאָט, יצחק טורקאָוו־גרודבערג, אידאַ קאַמינסקאַ, ל. אָליצקי, און נאָך און נאָך אַנדערע.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אונזערע מיטאַרבעטער אין מערב־אייראָפּע און אין ישראל, וועלכע מאַכן אַ וויכטיקן ביישטײַער צו אונזער צייטונג — אפרים קאַגאַנאָווסקי, ג. קעניג, משה שולשטיין, דר. חיים סלאָוועס, פּראָפֿ. שמואל אייזענשטאַדט, י. ליפּסקי, אסתר ווילענסקאַ, דר. משה סנה, דר. אברהם בערמאַן און פֿיל אַנדערע.

די אַלע צענדליקער און צענדליקער מיטאַרבעטער פֿון אויסלאַנד, מיט וועלכע די „מאָרגן־פֿרייהייט” מעג זיך איבערנעמען, העלפֿן רייכער מאַכן די צייטונג. אָבער קודם כּל, פֿאַרשטייט זיך, זיינען עס די מיטאַרבעטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט” דאָ, אין אַמעריקע, וואָס פֿורעמען די צייטונג יעדן טאָג. אַ וויכטיק אָרט פֿאַרנעמען די פּראָגרעסיווע שרייבער אויסער דעם סטעף, די דיכטער, דערציילער, פּובליציסטן, אין ניו יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד. עס איז ניט אויסצורעכענען אַלע נעמען און ניט אָפּצושאַצן דעם ביישטײַער וואָס זיי מאַכן, — כּמעט אַלע אויף אַ פֿרייוויליקן באַזיס, אַזוי צו זאָגן. צענדליקער און צענדליקער זיינען זיי — אַ גרויסער פֿאַרמעגן! זיי פֿאַרדינען אונזער דאַנק און אונזער אָנערקענונג. עס פֿאַרשטייט זיך, אָבער, אַז אויפֿן אינעווייניקסטן סטעף אין רעדאַקציע פֿאַלט די טאָג־טעגלעכע אַרבעט.

איר ווייסט עס געוויס אַליין, אָבער מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די אַרבעט איז אין דער לעצטער צייט נאָך שווערער געוואָרן. דער סטעף פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט”, וועלכער איז די לעצטע יאָרן פֿאַרקלענערט געוואָרן צוליב עקאָנאָמיע, איז אין משך פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר נאָך קלענער געוואָרן. די „מאָרגן־פֿרייהייט” האָט געהאַט אַ שווערן, ביטערן פֿאַרלוסט אינעם טויט פֿון אַזאַ מיטאַרבעטער פֿון גאָר הויכן קאַליבער ווי נ. בוכוואַלד. מיר פֿילן דעם פֿאַרלוסט עד היום זייער שאַרף. צוליב פֿיזישע סיבות קאָנען אַנדערע מיטאַרבעטער ניט דערפֿילן זייערע פֿליכטן ווי פֿריער. דער רעדאַקציע־סטעף איז באמת איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, מיט אויפֿגאַבן. דערפֿאַר ווערן פֿון צייט צו צייט געוויסע אויפֿגאַבן ניט דערפֿילט, — ווי, למשל, צו האָבן פֿאַרשטייער אויף אַלערליי אידישע און אַלגעמיינע צוזאַמענקונפֿטן, אָדער שיקן רעדנער צו פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, אָדער אין פֿאַרשיידענע שטעט.

עס דאַרף דאָ פֿאַרצייכנט ווערן אַ פֿאַרלוסט וואָס די „מאָרגן־פֿרייהייט” האָט געהאַט אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר, און צוזאַמען מיט איר די ברייטע אידישע פֿאָלקס־מאַסן, אָן אונטערשייד פֿון ריכטונג. עס איז אוועק קלמן מרמר, איינער פֿון די גרינדער פֿון אונזער צייטונג, וואָס זיינע פֿונקציעס און ביישטײַערן זיינען ניט צום אויסרעכענען אין געציילטע ווערטער, נאָר וואָס האָט דער עיקר פֿאַרמאָגט יענעם שטריך, וועלכער איז אונז באַזונדער טייער — די טראַדיציע פֿון אידישע פֿרייהייט־קאַמפֿן, די קאַמפֿן פֿאַר סאָציאַלן

יושר, אינם גייסט פון די נביאים. די „מאָרגן־פרייהייט" זוכט צו האַלטן לעבעדיג די טראַדיציע.

## נייע לייענער — אַ לעבנס - פראַגע

עס איז ביי אונז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאַנען די פראַגע וועגן פאַרשטאַרקן די קאַדרען פון רעדאַקציע־סטעף. איצט שטייט די פראַגע נאָך שאַרפער. איינס איז אָבער קלאָר: ווי אַזוי די אומשטענדן זאָלן ניט זיין, וועלכע אויפגאַבן די מיטאַרבעטער זאָלן ניט דאַרפן דורכ־פירן, טוען זיי אַלע זייער אַרבעט געטריי און צייטנווייז טאַקע מיט מסירת־נפש. זיי גיבן אַרויס די צייטונג און זוכן צו מאַכן זי אַזוי אַקטועל און לעבעדיג און מיליטאַנטיש און ווירקזאַם אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן און פון ברייטן פאָלק, ווי ס'איז נאָר מעגלעך. איך גלויב, אַז מען קאָן זאָגן מיט רעכט, אַז אַ דאַנק זייער אַרבעט, צוזאַמען מיט דער געטרייער אַרבעט פון די אַלע צענדליגער און צענדליגער שרייבער אַרום דער „מאָרגן־פרייהייט", און פון דער גרויסער צאָל מיטאַרבעטער אין אויסלאַנד, באַקומט זיך אַ צייטונג, וואָס דערפילט די אויפגאַבן, וועלכע די אידישע מאַסן האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט.

ווען מען רעדט וועגן מיטאַרבעטער, שליסט עס, פאַרשטייט זיך איין, די פאַרוואַלטער, אין ניו יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן אַ שווערע אויפגאַבע אויף זיך. זיי אַלע — די פאַרוואַלטער, די מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע, די דרויסנדניגע מיטאַרבעטער, די אָפּיס־אַרבעטער פאַר־דינען אַלע אונזער האַרציגע אַנערקענונג.

געדענקען מוז מען אָבער, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" ווערט אַרויס־געגעבן, ניט ווייל ס'איז פאַראַן אַ גרופּע עקשנים, וואָס דערפילן זייערע פליכטן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. די „מאָרגן־פרייהייט" ווערט אַרויסגעגעבן, ווייל איר, און צוזאַמען מיט אייך גרויסע מאַסן פון אידישע פאָלק, זיינען אַנטשלאָסן זי אויסצוהאַלטן. די „מאָרגן־פרייהייט" ווערט אַרויסגעגעבן — און איז געגרינדעט געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק — ניט ווי עפּעס אַ קאַפּריז, אָדער עקשנות, נאָר ווייל דאָס **פאָלק** דאַרף זי האָבן. לאָמיר נאָכאַמאָל אויפמישן אין געדאַנק די אַלע פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבן פריער אָנגערירט, וועלן מיר באַגרייפן ווי לעבנס־נויטיג עס איז פאַרן פאָלק, — ניט פאַר אַ קליזל, אַ ריכטונג נאָר פאַרן פאָלק, — די עקזיסטענץ פון דער „מאָרגן־פרייהייט". עס מוז דאָ אָבער געוואָרנט ווערן, ניט אַריינ־גייענדיג אין איינצלהייטן, אַז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער „מאָרגן־פריי־הייט" איז ניט נאָר אַ שווערע, נאָר אַ **דראָענדיגע**, און נאָר דאָס פולע דערגרייכן פון די צילן פון דער איצטיגער פאָנד־קאַמפּאַניע וועט באַוואָ־רענען, אַז „מאָרגן־פרייהייט" זאָל ווייטער לעבן און ווייטער קאָנען דינען דעם פאָלק.

עס איז אָבער דאָ אַ מאָמענט, וואָס איז אפשר נאָך ערנסטער ווי דער פינאַנציעלער. דאָס איז דער פאַקט וואָס טויזנטער (יע, טויזנטער) פּראָ־גרעסיווע אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן לייענען ניט די „מאָרגן־פרייהייט", אָדער לייענען זי ניט רעגולער. עס איז פאַר אונז אַ קנאַפּע

טרייסט, וואָס די לייענערשאַפט פון דער אידישער פּרעסע בכלל פאַלט. כדי די „מאָרגן־פרייהייט״ זאָל לעבן, מוז אָפּגעשטעלט ווערן דער פאַר־לוסט פון לייענערשאַפט. כדי די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זאָלן קאָנען מאָביליזיט ווערן אין די אַלע וויכטיגע קאַמפן, איז נויטיג, אַז זיי זאָלן יעדן טאָג לייענען די „מאָרגן־פרייהייט״. אידן פון אַלע ריכטונגען דאַרפן אריינגעצויגן ווערן אין דעם לייענער־קרייז פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. עס דאַרפן אריינגעצויגן ווערן ענגליש־לייענענדיגע, כדי זיי זאָלן רעגולער נאָכפאָלגן די ענגלישע זייט יעדן זונטאָג. אַ ברייטע קאַמפּאַניע פאַרן סוף־וואָך נומער „מאָרגן־פרייהייט״ דאַרף אריינברענגען אַ סך הונ־דערטער, אויב ניט טויזנטער, נייע לייענער.

# אין גייסט פון אָלגין און ווינטשעווסקי

אין אַ היסטאָרישן מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער וועלט זייַנען מיר זיך צונויפגעקומען, אין אַ היסטאָרישן מאָמענט פאַר אונזער פאָלק, דעם אידישן פאָלק, און אויך אין אַ היסטאָרישן מאָמענט פאַר אונזער צייטונג: 35 יאָר ווערט זי אַלט דעם 2טן אַפּריל, 1957.

דאָס איז אַ פרייַדיגער מאָמענט אין אונזער אַרבעט — דער יובילײ פון 35 יאָר „מאָרגן־פרייהייט״! 35 יאָר אין דינסט פאַר אונזער לאַנד אַמעריקע, פאַרן אַרבעטער־קלאַס און די ברייטע פאָלקס־מאַסן, פאַרן אי־דישן פאָלק! ס׳איז אַ גרויסע, פּאַטריאָטישע פאָלקס־אַרבעט! ס׳איז אַן אַרבעט לויט די בעסטע טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער גע־שיכטע און פון דער אידישער געשיכטע, די טראַדיציעס פון ווינטשעווסקי — איינער פון די גרינדער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ — און עדעלשטאַט און באָוושאָווער, פון אונזער אומפאַרגעסלעכן אָלגין׳ען, בויער און באַ־גייסטערער פון אידישן לעבן, פון יעקב מילך און לעאָן קאָברין, פון יעקב שייפער און קלמן מרמר און אַנדערע פּיאָנערן־בויער, וועמעס צייטונג די „מאָרגן־פרייהייט״ איז געווען.

עס קוקן אויף אונז קעמפער אַן אַ צאָל דאָ אין לאַנד, אויך צווישן די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן, וואָס שאַצן אָפּ אונזער — אייער אַרבעט צו בויען די „מאָרגן־פרייהייט״. עס קוקן אויף אונז אידישע האָרעפּאַש־ניקעס, קולטור־בויער אין פאַרשיידענע לענדער. מיט אַ געפיל פון שטאָלץ דאַרף מען אָנווייזן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט״ איז די עלטסטע פּראָגרעסיווע פאָלקס־צייטונג אין דער אידישער שפּראַך, און אַז גרויסע מאַסן אידן אין פאַרשיידענע לענדער באַציען זיך מיט גרויס ליבשאַפט און דרך ארץ צו דער „מאָרגן־פרייהייט״ און וועלן זיך פרייען מיט אירע ווייטערדיגע דער־גרייכונגען, און וועלן געוויס מיט גרויס נחת רוח אויפנעמען דעם פאַקט, וואָס דער היינטיגער צוזאַמענפאָר דאָ וועט געבן — ווייטער און נאָך בעסער און נאָך שטאַרקער צו בויען די „מאָרגן־פרייהייט״, כדי צו בויען אַ געזונט אידיש לעבן, צו פאַרזעצן די אַרבעט פאַר׳ן גליק פון אונזער לאַנד, אַלע פעלקער.

אַמעריקע, פאַר׳ן גליק פון מדינת ישראל, פאַר׳ן גליק פון אידישן פאָלק און

# לייענט און פאַרשפּרייט די סוף־וואָך אויסגאַבע פון דער „מאָרגן פרייהייט"

- עס ווערן געדרוקט יעדע וואָך קאָרעספּאָנדענצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ישראל, פּוילן, פראַנקרייך און פיל אַנדערע לענדער.
- אַ גאַנצע זייט אין ענגליש.
- אַ גאַנצע זייט וועגן פאַמיליע־פּראַגעס, אַ קינדער זייט און אַ טעלעוויזיע און ראַדיאָ אָפּטיילונג.
- צוויי זייטן פאַר ליטעראַטור און קולטור.
- 16 זייטן פון נייעס, אַרטיקלען, דערציילונגען, לידער און פיל אַנדערע אינטערעסאַנטע פּיטשורס.

ס ו ב ס ק ר י פּ ש אָ ן   פּ ר י י ז

פון סוף־וואָך אויסגאַבע איז 6 דאָלער אַ יאָר,

פאַר נייע לייענער — 3 דאָלער אַ יאָר.

**לייענט די „מאָרגן פרייהייט" יעדן טאָג!**

פאַר אינפאָרמאַציע זיך ווענדן צו:

MORNING FREIHEIT
35 East 12th Street, New York 3, N. Y.
Telephone: ALgonquin 4-9480